№ 41

"CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראשן.

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 8 października 1937 | 4.48 ליכט-צינדען | פרייטאג פ' נח ג' מרחשון תרצ"ח

XI Walne Zgromadzenie Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców z ogr. odp. w Częstochowie ul. Panny Marji 22, gmach własny, odbędzie się **dnia 10 października 1937 o g. 16 w lokalu Stow. Przemysłowcòw i Kupców** Aleja Wolności 35

PORZĄDEK OBRAD:

1) Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego.
2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia.
3) a) Sprawozdanie Zarządu za 1936 rok, b) Sprawozdanie Rady Nadzorczej za 1936 rok c) Odczytanie bilansu, oraz rachunku strat i zysków za 1936 rok d) Odczytanie protokułu Zw. Żyd. Spółdzielni w Polsce
4) Przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej.
5) Podział zysków za 1936 rok.
6) Budżet na 1937 rok.
7) Zmiana statutu Banku.
8) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie Spółdzielnia może zaciągnąć.
9) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi.
10) Wybory: a) I członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. b) 4-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast 3-ch ustępujących i zmarłego b. p. Anszla Warszawskiego. Ustępują: z Zarządu: p. Stanisław Prusicki z Rady Nadzorczej: pp. D. Borzykowski, Dr. Bolesław Helman i Dyr. R. Markowicz.

UWAGA: Członkowie ustępujący mogą być wybrani ponownie

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער **קאָאָפּ. סוחרים און פאַבּריקאַנטען-באַנק** מיט בעגר. פער. אין טשענסטאָכאָוו קומט פאָר **דעם 10 אָקטאָבער 1937 י. 4 נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון סוחרים און פאַבּריקאַנטען-פעראיין** אַלעע וואָלנאָשטשי 3-5

טאג=ארדנונג:

1) ערעפנונג און וואהל פון א פּאָרזיצענדען.
2) פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָריגער אלגעמיינער פערזאמלונג.
3) א. בעריכט פונ'דער פערוואלטונג פאר'ן יאהר 1936, ב. בעריכט פון אויפזיכטס-ראַט פאר'ן יאהר 1936, ג. פאָרלעזען דעם בילאנס און רעכנונג פון היזקותאון ריוח פאר'ן יאָהר 1936, ד. פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון פערבאַנד פון יודישע קאָאָפּעראַטיווען אין פּוילען.
4) אננעמען דעם בילאַנס און ערטיילען אבסאָלוטאָריום דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראַט.
5) דאס צוטיילען דעם ריוח אויפ'ן יאהר 1936.
6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1937.
7) ענדערן דעם סטאַטוט פון דער באַנק.
8) בעשטימען די העכסטע פערפּליכטונגס-סומע, וואס די באַנק קען אויף זיך נעמען.
9) בעשטימען די גרעניצען פון העכסטען קרעדיט, וואס קען ערטיילט ווערען א מיטגליד
10) וואהלען: א. פון 1 פערוואלטונגס-מיטגליד און 3 פערטרעטער אויפ'ן אָרט פון די אָבטרעטענדע, ב. 4 מיטגלידער פון ראט און 3 פערטרעטער אנשטאט די אָבטרעטענדע און דעם פערשטאָרבענעם אנשל ווארשאווסקי נ"ע. ס'טרעטען אָב פון דער פערוואלטונג: ה' סטאַניסלאוו פּרושיצקי, פון אויפזיכטס-ראַט: ה"ה ד. בּאָזשיקאָווסקי, דר. בּאָלעסלאוו העלמאַן און דיר. ר. מאַרקאָוויטש. די אָבטרעטענדע מיטגלידער קענען אויפסניי געוועהלט ווערען.

Dr. med.

M. KOHN-SZAJNOWA

wznowiła przyjęcia

AL. WOLNOŚCI 35. TEL. 18-62.

Angielskiego, komplety

Opłata 3 zł. miesięcznie.

Prowadzi wykładający na kursach

Dąbrowskiego 11 m. 1, tel. 22-75.

Lokale fabryczne do wynajęcia ul. Narutowicza 19-23

Wiadomość u dozorcy.

Mieszkanie 6 pokoi, kuchnia, front od zaraz do wynajęcia

Wiadomość u dozorcy, Aleja 11.

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Wyucza ostatnie nowości — kongresu — paryża 1937/1938 roku w kompletach — pojedynczo. Zgłoszenia codziennie od 10—21 w.

אכטונג: יעדען שבת פּראַקטישע רעקציע

פאר יודישער געזעלשאפט.

אנהויב 8 אָווענד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו רייניגען און צו פאַרבען אַלעראַרט קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט אַלץ צוביליגע פרייזען.

רשימה פון די גרויסע געווינסען, וואס זענען לעצטענס געפאַלען אין דער קאָלעקטור פון

י. ווערקסלער

100.000	זל.	אויפ'ן נומער	165681	
100.000	זל.	אויפ'ן נומער	54355	
50.000	זל.	אויפ'ן נומער	49597	
30.000	זל.	אויפ'ן נומער	72585	
30.000	זל.	אויפ'ן נומער	167420	
20.000	זל.	אויפ'ן נומער	116491	

דערונטער דער **1.000.000 מיליאָן זלאָטעס** אויפ'ן נומער 40875 אין דער 28-טער לאָטעריע

ווי אויך פיעל געווינסען צו 15.000, 10.000, 5.000 זל. א. אנד.

דעריבער דאַרף מען שוין קויפען א לאָס 1 קלאַס 40 לאָטעריע אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון

J. WEKSLER

ALEJA 6, TEL. 11-55.

די ציהונג פון 1 קלאס דעם 21-טען פּאַזדזיערניק.

FABRYKA WYROBÓW STALOWYCH

N. SZCZEKACZ

Częstochowa, Nadrzeczna 64. tel. 21-17.

Wyrabia

noże kieszonkowe wszelkich rodzajów.

Towar pierwszorzędnej jakości.

„טעכנאָויל"—א. זילבערשטיין

טשענסטאָכאָוו, אַלעע קאָשטשושקי 23 №

טעלעפאָן 18-60.

פערקויפס-ביוראָ פון **קויהלען** און **קאָקס**

ליפערט אויסער וואַגאָנווייזע אויך **איינצעלנע פוהרען**

פאַר הויז - געברויך

די בעסטע קוואַליטעטען הייץ-קויהלען: דאָמבּראָווער און שלעזישע. הויפּט - פערקויף און פערטרעטונגען פון די בעסטע גרובען, ווי: **גיעשע** (ווילסאָן און ליגאָן), **פלאָרא, פּאַריז** (קאָשעלעוו).

איך ליפער אָנהויבענדיג פון איין פוהר.

ביליגסטע איינקויפס-קוועלע.

Zatwierdzone przez Kuratorium

Pryw. Kursy Dokształcające Gimnazjalne

przyjmują jeszcze zapisy kandydatów(ek).

Oprócz nauki na Kursach BEZPŁATNA pomoc (korepetycja) udzielana przez pp. profesorów.

Opłata miesięczna bardzo niska.

Specjalne komplety **dla młodzieży religijnej.**

Kancelaria czynna od 11—1 przed południem lub 5—7 wiesz.

Kilińskiego 28 (front, III piętro (naprzeciwko teatru).

אינ'ם בעקאַנטען **טישלער=ווערקשטאַט**

א. ד. פ. **י. ברוסט, אַלעע 31**

ווערט ווייטער אויסגעאַרבייט אַלעראַרט **וויים מעבעל**

קוכען, קינדער=צימערן און געוועלב=איינריכטונגען, נייע מאָדעלען

רעיעלע בעהאנדלונג. פונקטליכע אויספיהרונג.

מיר פערהאָפען, אז די ג' קליענטעלע וועט זיין העכסט-צופרידען פון די בעשטעלונגען, וואס זיי וועלען ביי אונז מאַכען.

מיט אכטונג **י. ברוסט, אַלעע 31.**

P. Mieczysławowi Oderbergowi oraz Rodzinie

z powodu zgonu

MATKI Ich

wyrażają szczery żal i współczucie

Arnoldowie Rotbart.

מיר נעמען אָנטייל אין צער פון אונזער פערוואַלטונגס-מיטגלידערין פרוי **רוזשאַ אונגער** צום טויט פון איהר אונפערגעסליכען ברודער

נ"ע שמעון הערשליקאָוויטש

אין איהר געזעלשאפטליכער אַרבייט פאַר'ן יודישען שול-קינד זאָל זי א טרייסט געפונען.

Kierowniczka i Opieka Rodzicielska

przy Szkole Powszechnej № 13.

נ"ע יעקב ב"ר מיכל **שוואַרצבוים**

איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען כ"ה תשרי תרצ"ח.

די אַלע, וועלכע האבען אָנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד, דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק.

בעזונדער דאַנקען מיר הערצליך דעם חשוב'ן ד"ר דוד קאַגאַן פאר זיין איבערגעגעבענע מענשליכע בעהאַנדלונג בעת דער קראַנקהייט פון אונזער אונפערגעסליכען פאָטער,

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

ווייב, טעכטער, איידעמס, שנירען און אייניקלעך

דער **פאַמיליע שוואַרצבוים**

צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען פ אָ ט ע ר

נ"ע יעקב

דריקען אויס דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל

אלתר ראָטבאַרד און פרוי.

ווייער נצחון...

מיט ווילדער סאדיסטישער הנאה האבען די ענדעקישע צייטונגען אין פוילען מודיע געווען זייערע לעזער וועגען זייער נצחון איבער די יודען אין די הויכשולען.

מען האט אפיציעל בעשטימט געטא-בענק פאר יודען אין די אוניווערזיטעטען.

אייגענטליך ווייסען מיר נישט, וואס די שמחה איז ביי זיי אזוי גרויס, וואס האבען זיי דא מנצח געווען, ווען האט זיך דאס דער לייב בעריהמט, אז ער האט בעקעמפט א פליג. די יודישע סטודענדען זענען קליין אין צאהל, דאגעגען די קריסטליכע סטודענטען, וועלכע געהערען צו דער „נארא" און אנדערע ענדעקישע גרופירונגען, זענען א סך. די רעקטארען, רעכענענדיג זיך מיט'ן היינטיגען קורס, געהן אויף דער האנד פון דער שווארצער רעאקציע און אלס רעזולטאט האבען זיי איינגעפיהרט בעזונדערע בענק פאר יודען, טא וואו איז דער נצחון?

די יודישע סטודענטען, וועלכע שטעהען אויף דער ערשטער פראנט-ליניע פון אונזער קאמף פאר אמת'ער מענשליכער גלייכבערעכטיגונג, האבען הינטער זיך, אויסער דעם גאנצען יודישען קבוץ אין פוילען אויך אלע אויפריכטיגע דעמאקראטישע עלעמענטען, וועלכע זענען נישט אדורכגעפרעסען פון מענשען-האס און העסליכער דעמאגאגיע פון די פריצ'ישע זוהנדלעך. און ווי דער רעזולטאט פון אונזער-זייער קאמף זאל נישט אויספאלען, וועט עס יעדענפאלס זיין א שעהן העראיש בלעטיל אין דער געשיכטע פון מענשליכער ווירדע, וואס זיי האבען נישט אנגענומען דאס דאזיגע שאנדגעזעץ גלייכגילטיג.

די ענדעקעס מכל המינים האבען נישט צו פערצייכענען קיין אמת'ן נצחון, ווייל אויב דער שטארקער בעצווינגט מיט געוואלד דעם שוואכערען, איז עס גאר די חרפה פון זיעגער. מיט ערליכער קאנקורענץ, סיי אין האנדעל, סיי אין בילדונג, זענען די אנטיסעמיטען נישט אומשטאנד אונז צו בעזיגען, מאכען זיי עס דורך געוואלד, דורך פיקעטען, דורך טעראר און בעזונדערע בענק פאר יודען.

מיר זענען אבער זיכער, אז טראץ דעם, וואס מען ווענדעט אן געגען אונז יודען אויף אלע געביטען פון אונזער לעבען דעם גאנצען חומר הדין, דארפען מיר זיך נישט מייאש זיין, ווייל נאך נישט איז די גאנצע פוילישע געזעלשאפט אונטער דעם ענדעקישען איינפלוס, נאך טליעט אין דער טיפעפעניש פון דער פוילישער פאלקס-נשמה דער איידעלער בעגריף וועגען דעמאקראטיע און מענשען ליעבע. אויב אבער זי קומט דערווייל נישט צום ווארט, איז עס דערפאר, ווייל אט די ענדעקישע באנדע האט מיט איהר כלומרשטען הורא פאטריאטיזם אויף א מינוט צומישט די אמת'ע, די איידעלע, וועלכע זענען יעצט נישט אומשטאנד צו זאגען זייער אויפריכטיג ווארט.

אבער דאס איז נאר אויף א מינוט. שוין הערען זיך פראטעסטען געגען דער דאזיגער שאנדע פון 20-טען יאהרהונדערט. אט שרייבען די צייטונגען, אז אין עטליכע הויכשולען האבען זיך קריסטליכע סטודענטען געזעצט צוזאמען מיט די יודישע סטודענטען אויף די זעלבע בענק און דערמיט אויסגעדריקט זייער סאלידאריטעט מיט די גערודפטע און גלייכצייטיג איז עס א פראטעסט געגען פינסטערען בארבאריזם. אט דאס גיט אונז מוט און האפנונג, אז סוף כל סוף וועט דער אמת זיעגען איבער'ן שקר און דאמאלס וועט עס נישט זיין בלויז דער נצחון פון יודען, נאר דער נצחון פון דער דעמאקראטיע, וואס וועט אויך זיין דער נצחון פון דער גאנצער אויפלעבענדער מענשהייט פון אונזער צייט.

היינט אבער, ווען פינסטערניש האט די אויבערהאנד, קאנען די פוילישע ענדעקעס טריומפירען מיט זייער נצחון...

ש. פ.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57

ידיעות פון דער וואך.

— דאס ענגלישע לופט-מיניסטעריום האט ערטיילט דער כינעזישער רעגירונג אנ'ערלויבניש איינצוקויפען אין ענגלאנד א גרעסערע צאהל עראפלאנען. די כינעזישע רעגירונג וועט אנגאזשירען ספעציעל ענגלישע פליהער. עס קורסירען קלאנגען, אז ענגלאנד זאל ארויסטרעטען אלס פערמיטלערין צווישען ביידע קעמפענדע צדדים אויפ'ן ווייטען מזרח.

— די אמבאסאדארען פון ענגלאנד און פראנקרייך האבען דערלאנגט א נאטע דעם איטאליענישען אויסערן-מיניסטער טשיאנא, וועגען ארויסציהען דורך איטאליען די ״יקחיליגע פון שפאניען. אין פאל, אויב איטאליען וועט אבווארפען דעם פארשלאג, זאל פראנקרייך עפענען די פראנצויזיש-שפאנישע גרעניצען.

— איטאליען איז צוגעטרעטען צום ניאנער-אפמאך וועגען קאנטראל אויפ'ן מיטעללענדישען ים, וועלכער איז שוין אונטערגעשריבען געווארען דורך די דעלעגאציעס פון ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליען.

— די פראנצויזישע רעגירונג האט בדעה ארויסצושיקען די שפאנישע פליטים פון דער פראנצויזישער טעריטאריע. די גזירה וועט שווער טרעפען ארום 80 טויזענד שפאניער, וועלכע האבען מורא זיך אומצוקעהרען אויף די טעריטאריעס פון ביידע קעמפענדע צדדים.

— די רעגירונג אין ארץ ישראל האט אונטערגענומען א שארפע אקציע געגען די אראבישע טעראריסטען. דער אויבערשטער אראבישער קאמיטעט איז ערקלערט געווארען אלס אומלעגאל און עס זענען אויפגעלעזט געווארען די אראבישע לאקאלע נאציאנאל-קאמיטעטען אין גאנצען לאנד, דער ירושלים'-הויפט-מופטי איז אראבגעזעצט געווארען פון אלע זיינע אפיציעלע אמטען. אין גאנצען לאנד זענען אדורכגעפיהרט געווארען צאהלרייכע ארעסטען און די ארעסטירטע זאלען דעפארטירט ווערען פון לאנד. צווישען די ארעסטירטע געפינען זיך דער ירושלימער בירגערמייסטער דר. כאלדי, דער גענעראל-סעקרעטאר פון אויבערשטען אראבישען קאמיטעט, דער דירעקטאר פון דער אראבישער באנק אין א"י ווי אויך פיעל אנדערע אנגעזעהענע אראבישע אנפיהרער. די ענערגישע שריט פון דער פאלעסטינער רעגירונג, וועלכע האט זיך ענדליך דעצידירט א סוף צו מאכען צו דער אראבישער טעראר-אקציע אין לאנד, האט ארויסגערופען צופרידענהייט ביי דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין א"י.

— דער פראנצויזישער וויצע פרעמיער, וועלכער האט געווײלט אין פראג אלס דעלעגאט פון פראנקרייך צו דער לויה פון פרעזידענט מאסאריק, האט בעזוכט די שוהל אין פראג, ווי אויך דעם אלטען יודישען בית-עלמין. בלום, וועלכער איז געוועזען אין דער געזעלשאפט פון זיין פרוי און טאכטער, איז בעגריסט געווארען אויף העברעאיש און פראנצויזיש דורכ'ן פארשטעהער פון דער יודישער קהלה.

— אין הסכם מיט די עמפפעהלונגען פון דער קעניגליכער קאמיסיע ווערען דורך דער א"י-רעגירונג געמאכט הכנות צו שאפען אנ'אראבישע אגענץ לויט'ן מוסטער פון דער יודישער אגענץ. ווי עס ווערט מיטגעטיילט פון די אראבישע קוועלען, זאלען די אראבער זיך אבזאגען פון דער מיטארבייט מיט דער א"י-רעגירונג ביים שאפען די אראבישע אגענץ.

— אויפ'ן ארט פון ארעסטירטען דר. כאלדי זאל אין ירושלים נאמינירט ווערען אלס בירגערמייסטער אנ'ענגלענדער.

— די וואך האט זיך אנגעהויבען אין גאנצען לאנד דאס נייע אקאדעמישע שול-יאהר. די צאהל אנגענומענע יודען אויף די הויכשולען בעטרעפט דורכשניטליך 5—6 פראצענט און אין א גרויסער צאהל שולען נאך ווייניגער. עס איז כדאי צו בעמערקען, אז נאך אין יאהר 1934—35 האט די צאהל סטודענטען פון דער יודישער רעליגיע אויף אלע הויכשולען בעטראפען 14,3 פראצ. עס איז אלזא אנצונעמען, דאס ביים היינטיגען טאג ענטשפרעכט די צאהל יודישע סטודענטען דעם אלגעמיינעם פראצענט-זאץ פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאנד און עס זענען אלזא ליגנעריש די טענות פון די יודען-פרעסער בנוגע דער „פערפלייצונג פון די יודען אין די פוילישע הויכשולען".

— עס איז ערשינען א פעראָדנונג פון די רעקטארען פון די ווארשאווער הויכשולען, אין וועלכער עס ווערט געזאגט, דאס די סטודענטען וועלען זיצען בעת די לעקציעס לויט דער צוגעהעריגקייט צו די אקאדעמישע פעראיינען. אזוי ארום ווערט אפיציעל איינגעפיהרט דאס באנק געטא פאר די יודישע סטודענטען אויף די הויכשולען. די ידיעה האט געמאכט א דערדריקענדען איינדרוק אויף די גאנצע יודישע בעפעלקערונג. וועגען דעם זאל דעפ. זאמערשטיין אינטערוועניערען ביי דער הערכערער מאכט. אין צוזאמענהאנג מיט'ן איינפיהרען בעזונדערע פלעצער פאר די יודישע סטודענטען אויף די ווארשאווער הויכשולען, האבען די פוילישע סאציאליסטישע אקאדעמיקער בעשלאסען זיך צו זעצען אויף די בענק פון די יודישע סטודענטען. וועגען דעם בעשלוס האט דער „אונאבהענגיגער פערבאנד פון סאציאליסטישער יוגענד" ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף.

— דאס אינערן-מיניסטעריום האט פערעפענטליכט גענויע פארשריפטען וועגען נעמען צו דער מיליטערישער ארבייטס-דינסט די פערזאנען וואס האבען נישט דורכגעמאכט קיין מיליטער-דינסט. אין ווארשא ווי אויך אין די בעזונדערע פראווינץ - שטעדט ווערען שוין ארויסגעשטעלט די רשימות פון די אלע, וועלכע דארפען דאס היי'יאהריגע יאהר געהן צו מיליטערישער ארבייטס-דינסט. די ארבייטען וועלען פארקומען ביי בוימער-האקען, בוי-ארבייט אויף מיליטערישע באדענס, ווי אויך ביי שטאדט - בנינים, שפיטעלער, שולען א. ד. גל. די היי-יאהריגע ליסטע נעמט ארום די יאהר-געגנג 1911—1915.

— די פערוואלטונג פון פוילישען לעהרער-פעראיין איז אבגעשטעלט געווארען אין איהר טעטיגקייט נאך א רעוויזיע, וועלכע איז פארגעקומען אין לאקאל פון פעראיין. עס איז נאמינירט געווארען א קוראטאר, וועלכער האט שוין אנגעהויבען צו אמטירען.

— אין ווארשא האט זיך געעפענט דער 8-טער רעוויזיאניסטישער צוזאמענפאהר. ז. זשאבאטינסקי האט געהאלטען פאר א ריזיגען עולם א רעפעראט, אין וועלכען ער האט בעגרינדעט זיין נעגאטיווע שטעלונג צום טיילונגס-פלאן פון א"י.

— אין פינקערט-פראצעס אין ווארשא קומט פאר דער ווייטערדיגער עדות-פערהער. אזוי ווי אויפ'ן פארשלאג פון פראקוראר זענען אנ'ערך 100 עדות בעפרייט געווארען פון עדות זאגען, וועט דער פראצעס דויערען מיט א וואך קירצער און עס איז מעגליך דאס ביז דעם 10 ד. ח. זאל ער שוין פערענדיגט ווערען.

בלעטער פאלען...

קליינער פעליעטאן

אייגענטליך איז דאס פאלען פון די בלעטער א נאטור ערשיינונג—יעדעס יאהר אין הערבסט פאלען די בלעטער פון די בוימער—און דאך ווערט קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען, זעהענדיג ווי אזוי בלעטער, וועלכע האבען ערשט נישט לאנג געבליהט, געוואקסט האט נונגען, געקיהלט פון די הייסע זונענשטראהלען, הויבען פלוצים אן צו פאלען, וואלגערען זיך ארום אין שטויב און דער אנקומענדער הערבסט-ווינט פערטרייבט זיי אוועק אין דער אייביגקייט.

די בוימער ווערען נאקעט און א מרה-שחורה פאלט אויפ'ן מענשען, ער דערמאנט זיך אין זיין אייגענעם הערבסט, וועלכער איז אומפערמיידליך.

ערגער איז אבער, ווען מענשען אליין זענען גורם, אז אין מיטען זומער זאל בלאזען א הערבסט-ווינטעל און די בלעטער, וועלכע דארפען בליהען, זאלען פאר דער צייט פאלען און פערוועלקט ווערען.

אין היטלער-דייטשלאנד איז שוין גאנצע 4 יאהר הערבסט, די שענסטע בלעטער, וועלכע זענען אמאל געווען דער שטאלץ נישט בלויז פון דייטשען רייך, נאר פון דער גאנצער וועלט, מיליאנען מענשען האבען זיך געטוליעט און זיך אבגעריהט אין זייער שאטען, זענען א דאנק דעם שרעקליכען הערבסט-ווינט, וואס די הימלעריארע האט אנגעיאגט אין דריטען רייך, פערטריבען געווארען, און זיי וואלגערען זיך אין דער פרעמד פערלאזטע.

די בוימער ווידער, וועלכע זענען נאך געבליבען אין דעם דאזיגען נאצי-לאנד, וועגעטירען, דארען איין און די בלעטער פאלען אייניציגווייז אב און ווערען צוטרעטען דורך די ברוטאלע יונקערישע שטיוועל.

צי וועט אמאל אויך נאך דארט אין היטלער דייטשלאנד די זון צוריק אויפשיינען, צו וועלען אויך דארט נאך אמאל די בוימער בליהען און מען וועט זיך ווייטער קאנען שיצען אין דעם שאטען פון די בלעטער?

אין רוסלאנד האט מען געהאפט, אז דא'ט וועלען די בוימער, וועלכע האבען געבליהט און געגעבען אזוי פיעל האפנונג, זיך פונאנדערוואקסען אין א פרעכטיגען גארטען, וואו אלע איהרע איינוואוינער וועלען געפונען שוץ און רוה. האט דאך דאס געזאלט זיין דער אמת'ער גן עדן התחתון. ווערט דארט אבער לעצטענס געפיהרט אזא פאליטיק, אז די שענסטע בוימער ווערען מיט'ן ווארצעל אויסגעריסען און במילא פאלען די בלעטער.

מיט'ן פאלען פון די בלעטער אין דאזיגען לאנד, ווערט פערשוואונדען דער גרויסער חלום פון מיליאנען מענשען, וועלכע האבען געלייגט זייער איינציגע האפנונג, אז ווען אומעטום איז הערבסט, איז כאטש דארט פריהלינג, זומער.

דאס איז דער גרויסער וועהטאג, וועלכען ס'איז שווער אדורכצוטראגען, ווייל א גרויסער חלום איז צורינען געווארען.

אין לאנד, וואו ס'וואקסען פאמעראנצען, אין שפאניען, ווערען אויסגעהאקט כמעט אלע בוימער, און מערקווירדיג, אז די העקער זענען געשיקט געווארען פון נאצי-דייטשלאנד און איטאליען, וואו מען האט פיינט פריהלינגס בוימער. אויב ס'וועט אזוי נאך אנהאלטען, וועט נישט בלייבען קיין איין בוים אין דעם דאזיגען פריהלינגס לאנד.

אין לאנד פון זונען-אויפגאנג, אין יאפאן, האבען זיך די געביטער און בעפעהלער מתקנא געווען אין די אייראפעאישע וואלד-העקער און האקען אויס אהן רחמנות די כינעזישע בוימער. די צושויער קוקען זיך צו צו דעם אלעם, מאכען אפילו א בייזע מינע, אבער די העקער טהוען זיך דאס זייעריגע און עס פאלען די בלעטער פון א 400 מיליאניג פאלק.

הונדערטע יאהרען איז דאס לאנד פון אונזערע אבות געשטאנען וויסט און פעראלזען, ביז ענדליך די קינדער האבען זיך דערין דערמאנט און אנגעהויבען צוריק איינפלאנצען בוימער. נישט לייכט איז זיי דאס אנגעקומען. ענדליך האבען די יודען געהאט די זכייה צו זעהען, ווי אזוי די בוימער הויבען אן בליהען און עס וואקסען בלעטער. באלד אבער האבען בייזע ווילדע מענשען, אונטערגעהעצט פון נאך בייזערע און פאסקודנערע ברואים, אנגעהויבען צו פערניכטען די בוימער און שוין א פאר יאהר ווי עס פאלען די בלעטער, זיי פאלען און פאלען.

דארט אבער, אין ארץ ישראל, וועט די פערדארבער דאס נישט אזוי לייכט אנקומען, ווייל די יעניגע, וועלכע האבען די בוימער פערזייהט, שטעלען א ווידערשטאנד, זיי קלויבען אויף די אראבגעהאקטע בלעטלעך און פלאנצען זיי צוריק. און אזוי געהט דער דאזיגער קאמף שוין אן א לענגערע צייט, זאל מען האפען, אז די דאזיגע בויער וועלען זיין שטארקער פון די צושטערער. דערווייל אבער מוזען מיר פעסטשטעלען, אז אויך דארט, אין דעם לאנד פון דער יודישער האפנונג, פאלען די בלעטער...

איך דערמאן זיך אין א חלום, וואס איך האב געהאט, בעת איך בין געווען יונג.

מיר זענען געווען א גרויסע גרופע, וועלכע האט זיך גענומען פלאנצען בוימער בעת פוילען איז געווען אונטער'ן יאך פון דער צארישער הערשאפט, האבען מיר אין געהיים אנגעהויבען זייהען און יעדער טריט אונזערער איז געווען פערבונדען מיט סכנת נפשות, ווייל די צארישע ווערכטער האבען נישט צוגעלאזט דערצו. האבען זיי עמיצען פון אונז געכאפט, האט איהם שוין קיין צרות נישט געפעהלט, אדער מען האט איהם געשיקט קיין סיביר אדער גאר אויף דער תליה. דאס האט אבער אונז נישט אבגעשראקען, מיר האבען געטהון דאס אונזעריגע; מיר האבען מיט שווייס און בלוט פערזייהט און פעראקערט א קערנדיל נאך א קערנדיל, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אז סוף כל סוף וועט מוזען פון דער זריעה ארויסוואקסען א הערליכער שענער גארטען פאר אלע איינוואוינער פון דאזיגען לאנד. און ס'איז טאקי א נס געשעהען, פון חלום איז געווארען א ווירקליכקייט. די בייזע ווערטער זענען מיטאמאל פערשוואונדען געווארען און מיר זענען געווארען די בעלי בתים פון אונזער דורך אזוי פיעל מיה און קרבנות'פולען פערזייהטען גארטען. צו אונזער גליק האבען מיר דערזעהען, אז דער גארטען פוילען, ווערט וואס אמאל אלץ שענער און גרעסער, די בלעטער בליהען און א פרייד האט ארומגענומען דאס הארץ, וואס ס'איז ענדליך מקויים געווארען א גרויסע אידעע, נאר פלוצים, דאמאלס, ווען מיר האבען געוואלט צוזאמען מיט אלעמען אויך געניסען פון די פרוכטען פון אונזער לאנגיעהריגער ארבייט, איז אנגעקומען א בייזער הערבסט-ווינד, וועלכער לאזט אונז נישט געניסען פון די פרוכטען האלטענדיג, אז מיר זענען פרעמדע.

מיר האבען אויסגעשטעלט א פאר אויגען און זיך געפרעגט, היתכן אט דאס איז דער סוף פון אונזער מיה און האפנונגען, צי איז דאס אלץ ווייטער טאקי נישט מעהר ווי א חלום?...

פערהאנען נאך לענדער, וואו מען היט שטארק אב, אז די הערבסט-ווינטען, וועלכע ווילען זיך מיט געוואלד דארט אריינרייסען, זאלען נישט האבען קיין שליטה. דאס זענען אבער אויסנאהמען, די ווינטען שטארקען זיך פון שעה צו שעה און זיי ווילען מיט כח אנמאכען אויף דער גאנצער וועלט, איבערהויפט אויף אייראפא דעם הערבסט, אזוי אז די בלעטער, וועלכע בליהען נאך דארט און גיבען רוה און שוץ דער מענשהייט, זאלען פאלען.

נישט לאנג איז ערשט פארגעקומען א בעגעגעניש פון די הערבסט-משגיחים, וועלכע האבען בעשלאסען אויסצוהאקען אלע פריהלינגס-בוימער, וועלכע בליהען נאך אין אייראפא, די אויפגאבע אבער פון דער גאנצער מענשהייט, וועלכע לעכצען נאך רוה, נאך שטילער און ערליכער ארבייט, נאך ליבשאפט פון מענש צו מענש, צו דער גאנצער וועלט, דארף זיין נישט צו דערלאזען, אז זייער פערניכטונגס-ארבייט זאל געלונגען, אז די בלעטער זאלען פאלען.

פונקט אזוי ווי די בלעטער, וועלכע פאלען אין הערבסט צוליעב דער נאטור ערשיינונג, הויבען צוריק אן צו בליהען אין פריהלינג, דארף אויך זיין די שטרעבונג פון דער גאנצער מענשהייט, אז אויך די הערליכע בלעטער וואס זענען געפאלען צוליעב דער רשעות פון בייזע גייסטער, זאלען צוריק אנהויבען צו בליהען. שלום ושלוה זאל הערשען אויף דער וועלט און אלע אהן אויסנאהם זאלען קאנען געניסען פון דעם וועלט-גארטען.

סמאל

כחות און אידעאָלאָגיעס

פון לעאָ קעניג

די פאָליטישע לאַגע ווערט אַלץ עהנליכער און עהנליכער צו דער לאַגע וואס האט געהערשט אין אייראָפּא מיט אַ קאָרגען פירטעל יאהרהונדערט צוריק, ערב דער וועלט-מלחמה, וואס איז געקעמפט געוואָרען „כּדי די וועלט זיכער צו מאַכען פאַר דעמאָקראַטיעס“.

און די וועלט-דעמאָקראַטיעס. נישט קוקענדיג דערויף וואס זיי האבען געוואונען די מלחמה, זענען אַציגד נאָך פיעל ווייניגער זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, ווי דעמאָלט.

עס האבען זיך געביטען די אידעאָלאָגישע יוצרות אָבער דער פאָליטישער „סדר“ איז כּמעט דערזעלבער.

דייטשלאַנד, פאַר וועלכער אַט די לאַנגע יאהרען פון רעוואָלוציעס און איבערקעהרענישען זענען נאָר געווען אַ לאַנגער שטילשטאַנד—שטעהט איצט ווידער שטאַרק בעוואָפענט און אָנגעלאָדענט מיט׳ן מיליטעריסטישען גייסט און פאָדערט קאָלאָניעס—אַ פּלאַץ אונטער דער זון.

עס האבען זיך גאָר אפשר געביטען דעם קייזערס וואָנצעס אין דייטשלאַנד, אָבער היטלער איז אין דער אמת׳ן נאָר אַ פאַשיסטישער שאָטען פונ׳ם קייזערטום.

אָבער דער עיקר: דאס געזונדע און נאַאיווע דייטשע פאָלק גלויבט אַציגד נאָך מעהר ווי פריהער, אַז איהר קומט די וועלט הערשאַפט, ווייל אַלע אַנדערע איירָאָפּעאישע פעלקער זענען שוין האַלב צי גאַנץ דעגענערירט.

און ענגלאַנד און פראַנקרייך—די מעכטיגסטע צוויי בורזשוא דעמאָקראַטישע מלוכות אין איירָאָפּא שטעהען איצט ווידער פאַר׳ן גרויסען נסיון: זיי האבען איינמאָל בעזיגט דאס קייזערליכע דייטשלאַנד און בצוויזען, אַז זיי זענען נאָך נישט דעגענערירט. וועלען זיי עס איצט ווידער—און דאס מאָל דעם פאַשיסטישען קייזערטום—מוזען בעווייזען? און וועלען זיי האבען די נויטיגע כּחות איצט פון דאס ניי צו זיגען און די וועלט זיכער מאַכען פאַר די דעמאָקראַטיעס?

אָט די איז אַציגד די הויפּט פראַגע: היטלערס דייטשלאַנד האט לעת עתה אַ מעכטיגען פריינד אין מוסאָליני׳ן.

אַנשטאָט עסטרייך אונגאַרן און טערקיי —מוסאָליני׳ס איטאַליע. אָבער אויך אין אָנפאַנג פון דער לעצטער וועלט מלחמה איז איטאַליע געווען דער פריינד פון דייטשלאַנד. די איצטיגע אולטרא-פּאַטריאָטישע פיהרער פונ׳ם רייך געדענקען נאָך איטאַליעס „פערראַט“ ווען זי איז צוגעשטאַנען צו די „אַלירטען“.

עס קאָן זיין, אַז אויך דייטשלאַנד איז איצט נישט איינגאַנצען זיכער מיט מוסאָליני׳ן און דער עיקר מיט זיין מאַכט. איז דאס פאַשיסטישע איטאַליע טאַקע אַזוי שטאַרק ווי מוסאָליני וויל מען זאָל איהם גלויבען?

דער זיג איבער אַביסיניע בעווייזט דאס נישט; און אַפילו נישט די העלדישקייטען פון די איטאַליענישע לעגיאָנען אין שפּאַניען—זענען פאַר היטלער׳ן אפשר נישט גענוג איבערצייגענד.

די פראַגע פון מוסאָליני׳ס מאַכט אינטערעסירט איצט ענגלאַנד און פראַנקרייך, נאַטירליך, נאָך פיעל מעהר היטלער׳ן.

גלויבט מוסאָליני טאַקע אין זיינע כּוחות, אָדער ער מאַכט נאָר העלדישע אָנשטעלען, זעהענדיג, אַז מען קען מיט זיי אָבשרעקען און... געווינען.

אין איירָאָפּא הערשט נאָך אַלץ די מיינונג, אַז דער דורכשניטליכער איטאַליענער איז נישט אַזאַ גוטער סאָלדאַט ווי דער דורכשניטליכער דייטש איז דער איטאַליענער, זאָגט מען, האט מעהר ליב דאס לעבען ווי אַפילו זיין שעהן פאָטערלאַנד.

האט מוסאָליני איבערגעמאַכט, איבערדערצויגען זיינע איטאַליענער, די איטאַליענישע יוגענד?

אָט די פראַגע בעשעפטיגט איצט סיי מוסאָליני׳ס פאַשיסטישע פריינד, און סיי זיינע דעמאָקראַטישע געגנער.

נאַטירליך איז אַציגד די פאַשיסטישע אָריענטאַציע, דער באַלאַנס פון כּוחות נישט פּונקט דער זעלביגער ווי אין ניינצעהן פערצעהן.

יאַפּאַן איז אַציגד נישט אויף דער זייט פון די אַלירטען אָבער דערפאַר איז אַמעריקאַ אַציגד נעהנטער צו די איירָאָפּעאישע דעמאָקראַטיעס, ווי זי איז געווען אין אָנפאַנג פון דער לעצטער וועלט מלחמה.

פּוילען איז אַציגד אויך גרייט צו שפּילען אַ דאָפּעלטע פּאָליטיק; אָבער דערפאַר איז טערקיי איצט מעהר גענייגט צו ענגלאַנד און פראַנקרייך.

אַ סך נייע פאַקטאָרען ווי צום ביישפּיעל דער אַזוי גערופענער דעמאָקראַטישער „קליינער אַנטאַנט“ זענען פערהאַן אין דעם איצטיגען באַלאַנס פון כּוחות, אויף וויפיעל ער הויבט זיך ערשט אָן אויסקריסטאַליזירען.

מיר מוזען אויך נישט פערגעסען, אַז די פּאָליטישע וועלט איז שטאַרק דינאַמיש און איבערראַשענדע בייטונגען און סיורפּריזען קען מען שטענדיג ערוואַרטען אין די פּאָליטישע דעקאָראַציעס.

אָבער די הויפּט פּאָליטישע לאַגיעס זענען אַציגד דוכט זיך אונז, די זעל-

יודישע מיליאָנערען אין שאַנכיי

(אויפ׳ן פּאָהן פון די דאָרטיגע יאַפּאַניש כינעזישע קאַמפּען)

שאַנכיי, די גרויסע פיער-מיליאָניגע כינעזישע שטאָדט, די ווירטשאַפטליכע רעזידענץ פון דער געלער ריזיגער מדינה, איז ווינציגער פון אַלץ כינעזיש און מיט איהר אויסערליכער פאָרם און אינערליכען לעבענס שטייגער דערמאָנט זי מיט גאָרנישט די אַזוי טיפּישע און כאַראַקטעריסטישע כינעזישע שטעדט.

ווייל – ווילט איהר, האט איהר אין שאַנכיי דעם ניו-יאָרקער בראָדוויי מיט די ריזיגע וואָלקען קראַצערס און טומעלדיגען גאַסען-פערקעהר – ער הייסט דאָ דער „נאַנקין ראָד“, די גרעסטע און בעוועגליכסטע שטאָדט אין שאַנכיי.

ווילט איהר – האט איהר דאָ אויך די ניו-יאָרקער וואָל-סטריט. די דאָזיגע וועלט-בערזע פאַר אַלערליי געשעפטען און ספּעקולאַציעס וואס טראָגט דאָ דעם נאָמען „שעכואַן-ראָד“ און וואו עס געפינען זיך די גרעסטע בענק פון כינע.

די „כינעזישע סיטי“ – אַזוי האָבען אַ נאָמען געגעבען שאַנכיי די ענגלישע סוחרים; „די שטאָדט פון די עקזאָטישע מיליאָנערען“ – אַזוי רופען עס אָן די אַמעריקאַנישע טוריסטען און ביידע נעמען זענען ריכטיגע און טרעפליכע.

די גרעסטע וועלט-פירמעס פון ניו-יאָרק, לאָנדאָן, אַמסטערדאַם, האַמבורג, האָבען דאָ זייערע פיליאַלען און אַגענטורען. די גרעסטע בענק און אונטערנעמונגען – זייערע אַבטיילונגען און פערטרעטער.

די גרעסטע כינעזישע און ענגלישע

פּיגע.

און אַפילו רוסלאַנד שפּילט אַציגד כּמעט די זעלבע פּסיכאָלאָגישע ראָלע, וואס זי האט געשפּיעלט ערב דער לעצטער וועלט-קאַטאַסטראָפע: דעמאָלט זענען די איירָאָפּעאישע דעמאָקראַטיעס געווען אַפּאָלאָגעטיש, ווייל רוסלאַנד איז געווען רעאַקציאָנער-צאַריסטיש: איצט פיהלען זיך די איירָאָפּעאישע דעמאָקראַטיעס אַפּאָלאָגעטיש בנוגע רוסלאַנד, ווייל זי איז צו רעוואָלוציאָנער פאַר זיי און... קאָמוניסטיש.

אויב דעמאָלט איז מען נישט אינגאַנצען זיכער געווען מיט רוסלאַנד׳ס מאַכט, כאָטש עס האט געהערשט אַ פּאָפּולערער גלויבען אין דעם צאַר׳ס אַרמעען און קאָזאַקען.

און איצט די הערבסטע פון אַלע הערבע פראַגען איז: סטאַלינס רוסלאַנד. אינ׳ם טעכנישען און מיליטאַריסטישען זין, פיעל שטאַרקער און מעכטיגער ווי עס איז געווען דאס אַלטע רעאַקציאָנערע רוסלאַנד?

אַמעריקאַנישע און אינדישע מיליאָנערען, וואס פיהרען דאָ זייערע ריזען-געשעפטען אין כינעזישען לאַנד, פערמאָגען דאָ זייערע פּאַלאַצען און ווילעס.

אָבער וואָס איז דאס מערקווירדיגסטע און סענסאַציאָנעלסטע.

– עס וואוינען אין שאַנכיי שוין פון כּמה יאהרען, בעסער געזאָגט, זינט אייניגע דורות, עטליכע ספרדיש-יודישע מיליאָנערען, וואס זייער פערמעגען און די ראָל וואָס זיי שפּילען אין כינע, שטייגט ווייט אַריבער די ראָל און בעדייטונג פון אַנדערע איירָאָפּעאישע און כינעזישע געלד-זעק.

דריי וועלט-בעקאַנטע רעפּאָרטערען און שריפטשטעלער: עגאָן עדווין קיש, אָגנעסט סטערליי און ס. האָוואָרד דערצעהלען העכסט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגען דער געשיכטע און לעבענס שטייגער פון דריי יודיש ספרדישע „הייזער“ אין כינע, וואס האבען בעדייטענד מיטגעהאָלפען צו ענטוויקלען די ווירטשאַפט און דאָס פינאַנץ-וועזען פון לאַנד.

ווי אַ שעהן מזרח מעשה׳לע קלינגט די אמת׳ע דערצעהלונג וועגען דער גבירישער יודישער פאַמיליע ששון (סאַסון), וואס האט אין אָנהויב פון זעקסטען יאָהרהונדערט אויסגעוואַנדערט פון שפּאַניען צוליעב דעם גירוש אויף יודען.

צוערשט האבען זיך די ששונס בעזעצט אין באַגראַד, די הויפּט-שטאָדט פון מעסאָפּאָטאַמיען, וואס איז מיט דער צייט געוואָרען אַ „עיר ואם בישראל“ און געפיהרט אַ מסחר אויפ׳ן גרויסען שטייגער, פערקויפענדיג פערשידענע טייערע געווירצען און בעזאָרגענדיג מיט סחורות די אַראַבישע קאַראַוואַנען.

נישט לאַנג איז אָבער בעשערט געווען די גולי ספרד צו פרעהען זיך מיט זייער נייער היים.

אין יאהר 1832 ברעכט אויס אין באַגדאַד אַ מורא׳דיגער פּאָגראָם, צוליעב וואָס דער גרעסטער טייל יודען און צווישען זיי די ששונס פערלאָזען דאס צווייטע פאָטערלאַנד און זיי פאָהרען אוועק דורך דער פּערסישער פּאָרט-שטאָדט אַבּושיר קיין אינדיען. דאָ, אין דער נייער היים, איז דער ראש פון דער משפּחה איבן ששון געשטאָרבען און איבערגעלאָזט אלס זיינס אַ יורש דעם עלטסטען זוהן אַבדוללאַ - דוד, וואס האט געביטען דעם העברעאישען פאַמיליען נאָמען ששון אויף דעם ענגלישען סאַסון און צוגלייך אויך געטווישט די טראַדיציאָנעלע בעשעפטיגונג פון דער פאַמיליע.

ער האט נעמליך אָנגעהויבען האַנדלען מיט אינדישען אָפּיום.

דאס דאָזיגע נאַרקאָטישע מיטעל, וואס שפּילט ביי די אזיאַטישע פעלקער די ראָל פון טאַבאַק און בראָנפען, איז צוערשט געווען מאָנאָפּאָליזירט דורך דער „מזרח אינדישער קאַמפּאַניע“ – די פאַקטישע הערשערין פון אינדיען, און איז מיט דער צייט איבערגענומען געוואָרען דורך פּריוואַטע סוחרים – צווישען זיי די סאַסונס. די כינעזישע קאַפּיטאַליסטען האבען זיך אָבער מתקנא געווען אין זייערע אינדישע קאָנקורענטען און זענען אויך געוואָרען פּלאַנטאַטאָרען פון ווייסען מאָן, פון וועלכען מ׳אַרבייט אויס דעם זיסען סם. עס צופלאַקערט זיך דאַן אַ פערביטערטער קאָנקורענץ קאַמף צווישען כינע און אינדיען (ד. ה. פּאַקטיש – ענגלאַנד), בעת וועלכען ביידע צדדים האבען זיך בענוצט מיט אַלע כשר׳ע און נישט כשר׳ע מיטלען.

די כינעזישע אָפּיום פּראָדוקציע האט בעוויזען, אַ דאַנק דער ביליגקייט פון איהר סחורה (צוליעב איהר נידריגען סאָרט, קליינעם ארבייטס לוין און קליינע טראַנספּאָרט-קאָסטען) – ארויסצושטויסען פון כינעזישען מאַרק די אינדישע סחורה.

דאס האט בעוואויגען עליאַס (אליהו) דוד סאַסון, איינער פון די 8 זיהן פון אַבדוללאַ-דוד, אין יאהר 1850 זיך איבערצוטראָגען קיין שאַנכיי, כּדי דאָרט אויפ׳ן אָרט צו פיהרען דעם גרויסען מסחר...

מיט דערצייט האט דער דאָזיגער מיליאָנער זיך אַרויפגעאָרבייט צו אַ פערמעגען, וואס האט ווייט איבערגעשטיגען דאס רייכטום פון אַזעלכע כינעזיש-ענגלישע רייכע לייט, ווי רוססעל און געברידער מאַטיאַס. גראָד דעמאָלט האט זיך אָנגעהויבען די אינדוסטריאַליזאַציע פון דער דאָזיגער פעאָדאַלער מדינה און דער פּרייז פון באָדען—דערהויפּט אין די שטעדט—איז געשטיגען פון טאָג צו טאָג.

עליאַס וואַרפט אַוועק דעם נישט רעיעלען אָפּיום-מסחר און ער ווערט אַ גרויסער פערמיטלער ביי באָדען-האָנדעל און מיט דערצייט אויך אַ בוי-אונטערנעהמער.

מיט פינף יאהר שפּעטער קויפט ער אָב די שאַנכייער טראַמוויי-ען און אויטאָבוסען, גרינדעט אַ רייהע גרויסע בענק, שטעלט אויף דעם גרעסטען כינעזישען וואָלקען-קראַצער, דעם בעריהמטען „קאַטאַי האָטעל“ אין שאַנכיי און באָרגט דער כינעזישער רעגירונג אַ ריזיגע סומע אויף אינוועסטיציע-צוועקען.

נאָך ביים היינטיגען טאָג ווערט די פירמע סאַסון געציילט צווישען די

וואס געהערט, וואָס געזעהן.

די פערוואַלטונג פון יודישען שפּיטאָל האט דאס וואָרט

ווי בעוואוסט האט די פערוואַלטונג פון יודישען שפּיטאָל אַרויסגעשיקט אַן׳אַלאַרם-סיגנאַל צו דער יודישער בעפעלקערונג, אָנזאָגענדיג איהר, אַז די פּרעכטיגע אינסטיטוציע איז אין אַ געפאַהר אונטערצוגעהן, אויב מען וועט נישט תּיכף קומען איהר מיט שנעלער הילף.

די טשענסטאָכאָווער יודען, וועלכע האבען דערהערט די דאָזיגע טרויעריגע בשורה, זענען דערציטערט געוואָרען און יעדער האט ביי זיך בעשלאָסען, מנדר זיין כּפי יכולתו פאַר דער דאָזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע.

אין אַלע מנינים און שוהלען האט מען גאַנץ יום-טוב ביי עולה לתורה זיין מנדר געווען פאַר׳ן יודישען שפּיטאָל. אין דער שטאָדט-שוהל האט מען זאָגאַר געמאַכט אַ לענגערע פּויזע און געמאַכט מי שברכ׳ס נישט בלויז די מענער, נאָר אויך די פרויען פון די עזרת נשים; דאס זעלבע איז מסתּמא פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע שוהלען.

דער יום טוב איז אַוועק און איצט דאַרף מען צוטרעטען צו פּראַקטישער אַרבייט ד. ה. צונויפזאַמלען די נדרים.

מיט דעם אָבער איז נאָך ווייט דער ענין נישט ערלעדיגט, ווייל טויזענדער יודען, וועלכע האבען נישט געהאַט קיין עליות אום יום טוב און נישט מנדר געווען, ווילען זיך אויך בעטייליגען אין דער גרויסער מצוה. געהן אָבער מיט די פאַר גראָשען, ווילען זיי נישט, אַ טייל—צוליעב טרדת הפּרנסה, אַנדערע ווידער, ווייל זיי האבען שוין אַ טבע, אַז אויב מען קומט צו זיי, גיבען זיי אַ נדבה נעמען אָבער דאס געלד און עס אַליין אַוועקטראָגען, דאס טהוען זיי נישט. דערווייל אָבער האט די שפּיטאָל פערוואַלטונג נאָך נישט אונטערגענומען קיין געהעריגען זאַמעל פּלאַן. אפשר האט זי עס אין פּראָיעקט, פאַקטיש אָבער ווערט עס נאָך נישט אָדורכגעפיהרט, טאָ אויף ווען וואַרטען זיי.

דאס יודישע שפּיטאָל איז זעהר פּאָפּולער ביי דער יודישער בעפעלקערונג, ליידער אָבער איז די פערוואַלטונג — — — אָבער איך וויל נישט רעדען קיין רכילות, עס איז אַ צייט ווען דאס שפּיטאָל נויטיגט זיך אין אונטערשטיצונג, איז נישט דער מאָמענט צו קריטיקירען די פערוואַלטונג...

אויף איינס מוז מען יאָ אויפמערקזאַם מאַכען די פערוואַלטונגס מיטגלידער פון יודישען שפּיטאָל, אַז זיי זאָלען אויספיהרען די אונגעהויערע אַרבייט און אויב זיי ווילען דערצו פעהיג זיין, וועלען זיי אַ סך אויפטהון.

הכּלל, דאס פעלד איז צואַקערט, עס איז אויך שוין פערזייהט, מען דאַרף נאָר קאָנען די תּבואה צונויפזאַמלען.

דאס וואָרט האט איצט די פערוואַלטונג פון יודישען שפּיטאָל.

דאס איז ווירקליך אַ זעלטענהייט

אָפט מאָל כאַפּ איך זיך אַראָב אין די גאַסען פון דער יודישער אָרימקייט, כאָטש דאס יודישע אָרימקייט דאַרף מען ערשט נישט זוכען אין ספּעציעלע גאַסען, מען קאָן עס אויך געפינען אין די סאָמעראָדנע אַלעען... נאָר גאָר נישט, אַזוי רעדט זיך שוין און אַ שטיק אמת ליגט אויך דערין. אין יענע גאַסען דערקאָנט מען דאס אָרימקייט פון אויבען אויף, אינדערצייט, ווען אין די אַלעען איז דער יודישער דלות נאָך צוגעדעקט מיט אַ זייערנער קאָלדרע... נאָר נישט דאס בין איך אויסען.

הקיצור, קריך אַזוי אַרום אין יענע גאַסען, פערבלאָנדזשע אַמאָל אויף אַ הויף, קוק אַריין אין די שטובען און זעה אין וואס פאַר אַ צושטאַנד עס לעבען אונזערע ברידער און שוועסטער.

איך וויל דאס מאָל נישט שילדערען דעם יודישען דלות, איך וויל נאָר אין אַ נאָווינע דערצעהלען, אַז דאָרט אין יענע גאַסען, זענען פערהאַנען ווירטס-לייט, וועלכע האבען אויך מענשליכע הערצער און דאס רחמנות איז ביי זיי זעהר גרויס-אונזערע אַלע בעלי-בתּים געזאָגט געוואָרען.

אויף קאַשעראָווע 7–8 וואוינען אַ רייהע לאָקאַטאָרען, צווישען זיי גאַנצע 8 לאָקאַטאָרען, וועלכע צאָהלען נישט קיין דירה-געלד און אַפילו מאַנכע, וואס האבען שוין אַ חזקה נישט צו צאָהלען (זיי זענען שולדיג העכער דריי יאהר דירה געלד) און פונדעסטוועגען איז נישט נאָר, וואס קיין עקסמיסיע קומט דאָרט נישט פאָר, נאָר אַפילו אין געריכט האט מען זיי נישט איינגעקלאָגט.

ווען איך האָב וועגען דעם געהערט מיט׳ן ווירט פון הויז, האט ער מיר אויפ׳ן יכטיגע ערקלערט, אַז ער וואָלט גערן זיי עקסמיטירט, ווארום אַ הויז פאָדערט, מען זאָל פון צייט צו צייט אין איהם אָדורכפיהרען רעמאָנטען, דאַן מוז מען צאָהלען פאָדאַטקעס, נאָר מיט וועמען—זאָגט ער—וועל איך אָנהייבען, מיט אָרימע לייט, זיי ווילען דאָך צאָהלען, נאָר וואס דען—זיי האָבען נעבעך נישט, טאָ וואס זענען זיי שולדיג... איבעריגענס—טענה׳ט ווייטער דער בעל-הבּית—אַז איך וועל זיי שוין איינקלאַגען און זיי אַרויסוואַרפען פון די דירות, וועלען קומען אַנדערע אָרימע לייט, וועלכע וועלען אויך נישט צאָהלען, טאָ דאַרף איך בלייבען אַ שלעכטער נאָר, בלייב איך אַ גוטער נאָר...

איהר הערט דבּורים? האָ, וואס זאָגט איהר—דאס איז ווירקליך אַ זעלטענהייט.

אין אַ גוטער, מזל׳דיגער שעה

פאַר עטליכע וואָכען צוריק האבען מיר מבשר געווען אַ בשורה, אַז די לייטונג פון דער האַנדווערקער-שולע האט בעשלאָסען, כּדי צו קאָנען איינפיהרען אַ נייע אָבטיילונג, וואס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די היינטיגע מאָדערנע בעדינגונגען, אויפצובויען אַ נייע פּראַכט געביידע.

ווי אַזוי עס האַלט מיט דעם דאָזיגען פּראָיעקט, איז אונז נישט בעוואוסט (אויך מיר צייטונגס-לייט זענען שטערבליכע מענשען, אַז מען זאָגט אונז נישט, ווייסט מען נישט...), נאָר אָט בין איך צופעליג אָדורך די גאַס, וואו עס געפינט זיך די האַנדווערקער-שולע און האָב בעמערקט, אַז מען לעשט קאַ״ך, האָב איך אָנגעקלינגען צום דירעקטאָר אינזש. פּשיסוסקער און געפרעגט צי האט דאס לעשען דעם קאַלך נישט אַמאָל אַ שייכות מיט׳ן פּראָיעקט וועגען בויען די נייע געביידע פון דער האַנדווערקער שולע.

און שטעלט אייך פאָר, אַז דער דירעקטאָר האט מיר געענטפערט, אַז ס׳האט טאַקי יאָ אַ שייכות, האָב איך זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער דאָזיגער ידיעה און אייל זיך אויך מבשר צו זיין אונזערע לעזער.

אין דער איצטיגער שווערער צייט, ווען שלעכטע מענשען טראָגען זיך אַרום מיט פּלענער אונז צו פערלענדען קומען מענשען און בויען נייע פּאָזיציעס פאַר דעם יודישער צוקונפט דאָ אין פּוילען.

זאָלען דעריבער זיין געבענשט די הענד פון די בויער און זאָל דאָס, וואס מען הויבט אָן דעם ערשטען שריט פאַר׳ן בנין פון אַ נייער געביידע פון דער האַנדווערקער-שולע, זיין אין אַ גוטער און אין אַ מזל׳דיגער שעה.

זיי האָבען משנה געווען דעם שבת בראשית...

עס פיהרט זיך מקדמונים, אַז שבת בראשית קומט פאַר אין דער חברה-קדישא אַ קידוש. צום דאַווענען געהען אַלע חברה-לייט אין דער שטאָדטישער שוהל, וואו זיי בעקומען עליות און גלייך פון דאַווענען געהט מען קידוש מאַכען אין דער חברה אַריין.

הייאָהר איז צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער טשענסטאָכאָווער חברת-קדישא דער קידוש שבת

צי איז נאך היינט אקטועל

דאס פראבלעם צו פערשפרייטען בילדונג צווישען יודען און דורך וועמען דארף דאס געשהן ווערען

אויב מיר ווילען בעהאנדלען דאס פראבלעם צו פערשפרייטען בילדונג צווישען יודען מוזען מיר ווארפען א בליק אויף דער נישט לאנגער פערגאנגענהייט אין דער פאר מלחמה-צייט. די דאמאלסדיגע פאליטיק פון דער צארישער רעגירונג איז געגאנגען אין דער ריכטונג: וואס ווייניגער שולען, וואס ווייניגער בילדונג, וואס ווייניגער קולטור, דאגעגען וואס מעהר פינסטערניש, אבגעשטאנענקייט, דערדריקונג.

דער דאזיגער סיסטעם האט פעראורזאכט א גרויסע צאהל אנאלפאבעטען און, אין בעסטען פאל, א קליינער טייל, וואס האט בעזיצט בילדונג קוים פון א אנפאנגס-שול.

דער דראנג פון דער יודישער יוגענד צו בילדונג פון איין זייט און די ספעציפיש-רעכטלאזע לאגע פון די יודען פון דער אנדערער זייט, האט נאר די מעגליכקייט, אז איינצעלנע זאל געלונגען דורכצורייסען זיך דורך אלע בעגרענצונגען, פערצוימונגען און פראצענט נארמעס אויפ'ן בילדונגס-געביעט, בכדי זייער צוועק צו דערגרייכען. די ברייטערע שיכטען האבען נישט געהאט קיין מעגליכקייטען און מיטלען צו געניסען פון מיטעל-בילדונג, שוין אבגערעדט פון הויך-בילדונג.

די סביבה איז צוליעב דעם אין קולטורעלען זין געווען שטארק הינטערשטעליג.

צוליעב דעם גרויסען דורשט נאך בילדונג מצד דער יודישער יוגענד, איז אין פעטערבורג ענטשטאנען א געזעלשאפט „מפיצי השכלה", וועלכע האט געהאט די אויפגאבע צו פערשפרייטען בילדונג צווישען יודען. צו דעם צוועק האט זי געשאפען מיטלען און מעגליכקייטען, בכדי די יודישע יוגענד זאל קענען געניסען פון בילדונג אין א גרעסערען מאסשטאב.

עס האבען זיך זאגאר געפונען איינצעלנע רייכע יודען, וועלכע האבען מיט אייגענע מיטלען געשטיצט די יודישע יוגענד בכדי זיי זאלען קענען זייערע שטודיומס קאנטינואירען. אין אדעס צ. ב. ש. איז געווען דער עיר המקלט פאר יודישע בילדונג עקסטערנען פון גאנץ רוסלאנד און פוילען. האט טאקי דער רייכער בראדסקי געגעבען סטיפענדיעס פאר אונפערמעגליכע שילער און סטודענטען און גלייכצייטיג האט ער איינגעארדענט א קיך, וואו די יודישע עקסטערנען-מאסע האט בעקומען יעדען טאג אומזיסט מיטאגען.

די סטודענטען האבען געשאפען קרייזען, וואו זיי האבען ערטיילט אומזיסטע לעקציעס פאר די אונפערמעגליכע, וועלכע זענען נישט געווען אומשטאנד זיך צו נעהמען א געצאהלטען לעהרער.

עס האבען זיך זאגאר געפונען רייכע רוסען, וועלכע האבען געשטיצט ארימע סטודענטען אהן אונטערשיעד פון גלויבען.

אזוי ווי א טייל יוגענד פלעגט עמיגרירען קיין עסטרייך און דייטשלאנד האבען די דארטיגע יודען געשאפען א הילפס-פעראיין פון דייטשע יודען, וועלכע האבען צווישען אנדערע שטיצעס אויך מיטגעהאלפען דער צוגערייזטער יוגענד מיט ראט און טהאט.

אויב בילדונג איז אין יענע צייטען געווען א מיטעל דורך וועלכען מען האט געשטרעבט אויסשליסליך צו דערגרייכען פראקטישע רעזולטאטען, האט זיך נאך דער מלחמה אויף דעם געביעט א סך געענדערט.

דער שטראם פון דער מערב-אייראפעאישער קולטור (גישט די יעצטיגע געפלשטע), וועלכער האט אנגעהויבען ארייצודרינגען אין די פערווארפענסטע ווינקעלעך פון אונזער טאג-טעגליכען לעבען. דער גרויסער בלויז, וואס עס האט זיך געשאפען צווישען דער בעפעלקערונג פון געטו. גאליציען, וועלכע האט געהאט אלע מעגליכע פרייע און אפענע וועגען צו קענען געניסען פון אלע קולטורעלע אוצרות פון מערב אייראפא און צווישען דער בעפעלקערונג פון געטו. קאנגרעס פוילען, וואו אלץ איז געווען אין דער היגזיכט פערשלאסען. איבערהויפט פאר'ן יוד האט די יוגענד פאר יעדען פרייז געמוזט וואס שנעלער אויספילען און אויסגלייכען. זי האט נישט געוואלט זיין הינטערשטעליג אזוי, אז ביי יעדער געלעגענהייט זאל זי דארפען אנקומען צו די אינטעלעקטועלע כחות פון גאליציע.

אנפאנגס, ווען דאס אונאבהענגיג און דעמאקראטיש פוילען האט אנגעהויבען איהר שול-וועזען צו ארגאניזירען האבען מיר יודען אלענפאלס געגלויבט, אז דער אלגעמיינער מלוכה בודזשעט וועט זארגען פאר בילדונג אין א גלייכער מאס פאר אלע און דערמיט וועלען מיר קענען הויבען אונזער קולטורעלען מצב.

ליידער אבער האבען מיר ווייטער אנגעהויבען צו דערפיהלען געוויסע שוועריגקייטען און שטערונגען, אז עס האט זיך געמוזט שאפען א גאנצע רייהע פריוואטע מיטעל-שולען אין וועלכע אנצוקומען פאר'ן קינד פון די ברייטערע שיכטען אין מאטעריעלען זין איז שטארק בעשווערט געווארען.

דער דראנג צו בילדונג איז מצד די ברייטערע קרייזען פון דער יודישער בעפעלקערונג מיט יעדען טאג גרעסער געווארען, ווייל דאס איז טאקע געווארען א מיטעל צו קענען קולטורעל זיך דערהאלטען און גלייכצייטיג צו בעקומען א צענזוס וועלכע וועט פריהער אדער שפעט־ר גאנץ גוט צונוץ קומען הן דעם בעל-מלאכה הן דעם סוחר.

די גאנצע כוואליעס יודישע יוגענד, וועלכע ענדיגען יעדעס יאהר די אנפאנגס-שולען און פאר וועמען די רעגירונגס-גימנאזיעס זענען איינפאך געשלאסען, האבען נישט קיין אנדערע מעגליכקייט נאר ווי אנצוקומען אין דער פריוואטער יודיש-פוילישער מיטעל שול (דארט וואו עס איז נישט פערהאן קיין ספעציעלע גימנאזיעס מיט יודיש אדער העברעאיש אלס אונטערריכטס-שפראך).

צו בעגרייפען דעם דורשט פון דער יודישער יוגענד צו קענען ווייטער פארטזעצען זייער בילדונג איז גענוג צו הערען די געוויינען און די טראגעדיעס מצד די עלטערן און קינדער, וועלכע זענען נישט אומשטאנד צו צאהלען אין דער מיטעל-שול אפילו דעם מינימאלען שכר-למוד.

אויב פאר דער מלחמה איז דאס ערמעגליכען און פערשפרייטען בילדונג צווישען יודען געווען א מיטעל אויף צו דערגרייכען וועלכען עס איז צוועק פאר זיך, איז דאס דאזיגע פראבלעם ביי די היינטיגע צייטען נאך מעהר אקטועל, ווייל דאס איז טאקע א מיטעל צו קענען זיך קולטורעל צופאסען צו דער ארומיגער סביבה און גלייכצייטיג בעצוועקט דאס צו שאפען פאר זיך וועלכע עס איז עקזיסטענץ.

איך וויל דאביי איבערגעבען פאלגענדען פאקט:

צו דעם שרייבער פון די שורות איז געקומען א לעהרער פון א שול און געבעטען צו פעראינטערעסירען זיך מיט א זעהר ארימען אבער פעהיגען שילער, וועלכער האט נישט קיין פאטער און די מוטער וואוינט אין א סוטערינע, אליין שטעהט זי אויפ'ן טארג, דער לעהרער האט געזאגט, אז ווען איך זאל איהם ארייננעהמען אומזיסט אין דער הומאניסטישער גימנאזיע, וואלט ער געוויס זיך שפעטער צו עפיס דערשלאגען, אין געגענפאלס וועט פון איהם קיין מענש נישט ארויס ווייל ער איז פיזיש זעהר שוואך.

ווען מען האט מיר דאס יונגעל געוויזען ווי ארים ער איז געווען אנגעטהון, אויסגעדארט, האב איך געזעהען, אז אויב עס וועט געלונגען פון דעם יונגעל עפעס צו מאכען, וועט דאס ווירקליך הייסען פון דער בלאטע ארויסגעשלעפט.

דער שילער האט זיך אנגעהויבען צו לערנען און מיט צוויי יאהר צוריק האט ער די גימנאזיע געענדיגט.

ער האט בעקומען באלד לעקציעס פון וועלכע ער האט זיך שעהן אויסגעקליידעט, דער ארימער מוטער געשטיצט און מיט עטליכע וואכען צוריק איז ער צו מיר אריינגעקומען און געזעגנט זיך, ווייל ער איז געפאהרען קיין ווארשא פארטזעצען זיין בילדונג, דערביי האט ער מיר געוויזען א ביכעל פון פ. ק. א. אויף 1500 זל., וועלכע ער האט אנגעזאמעלט אין די 2 יאהר.

אזעלכע פאקטען זענען דא הונדערטער. עס איז א פראגע ווער דארף זיך מיט דעם ענין בעשעפטיגען.

אויב מיר פערמאגען היינט נישט קיין ארגאניזאציע, וועלכע זאל פאקטיש זיך מיט דעם ברענענדיגען ענין בעשעפטיגען, אויב מיר פערמאגען נישט רייכע יודען, וועלכע זאלען אויך געבען סטיפענדיעס פאר אונפערמעגליכע פעהיגע שילער און שילערינס און זארגען פאר קענען קאנטינואירען זייערע שטודיומס. ליגט א חוב אויף אונזער אינטעליגענץ, זיי זאלען זיך דערמיט בעשעפטיגען.

איך ווייס, אז מען וועט ענטפערען ווייניג אינטעליגענץ דרעהט זיך ארום ליידיג, איז אבער דער ענטפער, אז נישט ווייניגער בעל-מלאכות דרעהען זיך אויך ארום ליידיג.

צום בעדויערען זענען מיר אין אזא לאגע ווי מען שטערט אונזער נארמאל לעבען אויף אויף אלע געביעטען.

די מאראלישע הילף אין ענין בילדונגס-וועזען דארף פריהער פון אלעם קומען נאר פון דער אינטעליגענץ.

ב. פראנק

גרעסטע כינעזישע מיליאנערן, און די צענטראלע אין שאנכיי און אויך די גרעסטע פיליע אין האנג-קאנג—רעכענען זיך אלס איינע פון די גרעסטע מזרח-אזיאטישע אונטערנעהמונגען.

וועגען א צווייטען, נאך א גרעסערן יודיש-כינעזישען גביר און אויך א ספרד'ישער יוד, דערצעהלט אינטערעסאנטע פרטים דער ענגלישער שריפטשטעלער און רייזענדער האווארד.

אין דער פירמע סאסון—דערצעהלט האווארד—האט אין משך פון 5 יאהר געארבייט אלס געשעפטס פיהרער פון דער פיליע אין האנג קאנג איינער א באגדאדער יוד, אויך א פליט, מיט'ן נאמען סילאס אהרן-הארדון.

מיט דער צייט האט ער איבערגענומען די לייטונג פון דער פירמע אין שאנכיי און שפעטער פערלאזט זיינע ברויט-געבערס, אנהויבענדיג אליין צו האנדלען צוערשט אויך מיט אפיום און שפעטער מיט באדען.

דער דאזיגער מסחר האט איהם געמאכט פאר דעם גרעסטען גביר פון דער דאזיגער בראנזשע אין כינע. ער האט אבגעקויפט א רייהע גאסען אין נאנקין.

הארדון איז אויך געווען א גרויסער בעל-צדקה און כלל טהוער. ער האט געלאזט אויפשטעלען די גרויסע סינאגאגע אין שאנכיי, דעם אזוי גערופענעם „אוהל משה" און האט אדאפטירט צוועלף ארימע קינדער—5 אייראפעאישע און 7 כינעזישע, וועלכע ער האט געלאזט ערציהען אין יודיש-רעליגיעזען גייסט. ליידער האט דערנאך דער דאזיגער ספרד'ישער יוד פערראטען ביי זעהר נעהיימניספולע בעדינגונגען זיין פאלק און רעליגיע.

ווען אין יאהר 1931 איז סילאס אהרן געשטארבען, האט מען זיך אין דער שאנכייער יודישער קהלה דערוואוסט מיט פערדרוס, אז ער האט זיך הארט פאר'ן טויט גע'שמד'ט און אנגענומען דעם בודיסטישען גלויבען.

בראשית נישט פארגעקומען. צום דאווענען אין דער שטאדט-שוהל זענען זיי טאקי יא געקומען, עליות האבען זיי געהאט, נאר קיין קידוש איז נישט געווען.

אויף דעם סמך האבען שוין לצים זיך געלאזט וואוילגעהן. איינער קומט צו געהן מיט א חכמה און זאגט, אז אויב די חברה-קדישא, וועלכע הייסט קדישא, צוליעב דעם, וואס זיי מאכען א... קידוש, האט אויפגעהערט צו מאכען קידוש'ס, דארף מען זיי ענדערען דעם נאמען. א צווייטער זאגט ווידער, פאשר, די חברה האט נישט געמאכט שבת בראשית קיין קידוש דערפאר ווייל... אבער די אלע חכמה'ס זענען נארישקייטען און פאקטיש איז, ווי ס'האט מיר ערקלערט דער אמת'ער סעודה מאכער ה' קלמן ש., דער קידוש נישט פארגעקומען גאר פשוט צוליעב טעכנישע טעמים און דער קידוש וועט פארקומען דעם היינטיגען שבת פרשת נח.

אייגענטליך איז שבת בראשית מעהר צוגעפאסט אויף א קידוש פאר דער חברה קדישא, ווי שבת נח, ווייל אין בראשית לייענט מען א רייה „וימות", מען האלט אין איין שטארבען, און כידוע, וואס מעהר מתים, אלץ מעהר טרינקט מען; נאר אז עס איז נישטא קיין ברירה, איז שבת נח אויך גוט. און א תירוץ צו מאכען שבת נח א קידוש איז אויך דא. דער צדיק נח, האט, ווי עס איז בעשריבען, אויך נישט פיינט געהאט קיין כוסה און אז ער האט שוין גענומען צום מויל, האט ער עס געטהון מיט'ן גאנצען פלעשיל.

אלזוי, יודען, האט נישט קיין עגמת נפש, די חברה-קדישא וועט חס ושלום פון איהר טראדיציע צו מאכען א קידוש נישט רעזיגנירען. איז עס נישט פארגעקומען שבת בראשית, וועט עס פארקומען שבת נח. א פאקט איז אבער, אז היי יאהר האט די חברה קדישה משנה געווען דעם שבת בראשית...

געה, ווייס, אז דאס מיינט מען אונזערע חלוצים...

כ'בין מודיע, אז נישט איך און נישט קיינער פון אונזער רעדאקציע האבען נישט בעזוכט די יובל-אקאדעמיע פון די חלוצים, וועלכע איז פארגעקומען דעם לעצטען שבת אוונד און זאל פון די פייערלעשער.

דעם אמת זאגענדיג, האב איך זעהר ליעב צו בעזוכען די אויפטריטען פון די גערטנער-פערמע חלוצים, פשוט דערפאר, ווייל זיי זענען זעהר פעהיגע יאטען און א סך פון זיי האבען זאגאר טאלאנט.

אויב איך בין אבער נישט געווען, איז עס צוליעב פאלגענדע טעמים: ראשית, האבען די פערמע-לייט נישט געהאלטען פאר נויטיג צו וויסען צו טהון א יודישע רעדאקציע וועגען זייער אויפטריט. וואלט איך שוין אפשר אויף דעם אויך נישט געלעגט קיין אכט, א זאגה האב איך, נישט אלע און איבערהויפט חלוצים האלטען מסתמא נישט פון קיין „זשארגאנאווער" צייטונג... והשנית, האט מען אין גאס אויך נישט געוואוסט. מען האט אפילו יא געטיילט פלוגבלעטלעך וועגען עפיס א יובל-אקאדעמיע, אבער דאס בלויז אין דער פוילישער שפראך, טא געה ווייס, אז דאס מיינט מען אונזערע יודישע חלוצים.

וואס זאגט איהר, אז איך האב זיך געדארפט משער זיין, אז דאס מיינט די יובל-אקאדעמיע פון די חלוצים — ניין, איך האב זיך בשום אופן נישט געקאנט פארשטעלען, אז חלוצים פון א יודישער גערטנער-פערמע זאלען זיך רעקלאמירען בלויז אין דער פוילישער שפראך. מילא, ווידער דאס אייגענע, כ'רעד שוין נישט, אז זיי האבען זיך אויך געדארפט בעווייזען אין גאס מיט א יודיש ווארט, ווייל פאר זיי, פאר אונזערע בויער פון דער יודישער צוקונפט איז יודיש, די שפראך, אויף וועלכער עס רעדען 12 מיליאן יודען — טריפה; אבער העברעאיש איז דאך שוין ביי זיי כשר און דאך איז דאס פלוגבלעטיל מודיע וועגען דער יובל-אקאדעמיע בלויז אין דער פוילישער שפראך, טא געה, ווייס, אז דאס מיינט מען אונזערע חלוצים...

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל...

וואס פאר א בעציהונג מיר זאלען נישט האבען צום ספארט-קלוב „ברינאדא", פונדעסטוועגען, אלס לאקאלע פאטריאטען, ווינשען מיר איהר שטענדיג ערפאלג אין איהרע נצחונות איבער די געגנער.

אין ווארשא זענען די וואך פארגעקומען ספארט-פערמעסטונגען צווישען דער „פאלאניע" מיט דער היגער „ברינאדע" וועגען ארייננטריט אין דער „ליגע". מיט א פערכאפטען אטעם האבען מיר טשענסטאכאווער ערווארט דעם רעזולטאט און מיר האבען באמת געוואלט, אז אונזערע זאלען מנצח זיין.

ווי גרויס דער אינטערעס צום מעטש איז געווען, קאן דינען דער פאקט, וואס דעם רעזולטאט פון מעטש האט מען איבערגעגעבען אין אוונד דורכ'ן ראדיא און מען קאן זיך פארשטעלען, וויפיעל מענשען עס האבען זיך פערזאמעלט, כדי אויסצוהערען דעם רעזולטאט.

לכתחילה זענען די פעראינטערעסירטע געווען זיכער, אז אונזערע וועלען מנצח זיין, ווייל דער ספיקער פון ראדיא האט איבערגעגעבען, אז די מעהרהייט צושויער זענען פאר דער „בריגאדע", שפעטער אבער האט זיך דאס רעדעלע איבערגעקעהרט, אונזערע האבען מיאוס פערשפיעלט צו דער „פאלאניע".

הכלל, אונזער „בריגאדע", וועלכע איז געגאנגען פון נצחון צו נצחון האט ליידער דאסמאל געהאט א גרויסע מפלה און אנשטאט ארייצוגעהן אין דער „ליגע", איז זי נעבי'ך געבליבען אויף דער פלייש-באנק. האבען מיר טאקי דערפון גרויס עגמת נפש און דריקען איהר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל...

ברויט אדער בילדונג...

ווען מען איז געווען יונג און נאך געווען בעפליגעלט מיט אידעען, האט זיך צווישען אונז געפיהרט א דיסקוסיע א.ד.ט.: „וואס איז וויכטיגער—ברויט אדער בילדונג?"

מיר די טעמפעראמענטפולע, וועלכע האבען געוואלט די וועלט בעגליקען מיט בילדונג און פראגרעס, מיט קולטור און ציוויליזאציע, האבען געהאלטען, אז דאס וויכטיגסטע אויף דער וועלט איז בילדונג, ווייל וויסען איז מאכט. און עס הארצות איז פינסטערניש, איז דעריבער טויזענט מאל בעסער צו זיין געבילדעט און א קבצן, איידער אנ'עושר א גראבער-יונג. די ניכטערע צווישען אונז אבער האבען גע'טענה'ט, אז דאס וויכטיגסטע איז ברויט, ווייל וואס טויג דיר די חכמה, אז זי שטעהט איין ביי א קבצן, א פענטאק. ווען די ביזט אבער רייך, ווען דו האסט די ממתקים, ביזטו אנגעזעהען צווישען מענשען, האט מען פאר דיר דרך ארץ.

ווען מיר זענען עלטער געווארען, האט מען איינגעזעהען, אז די ניכטערע האבען געהאט רעכט, איבערהויפט האט זיך זייער קאנצעפציע בעשטעטיגט אין אונזערע צייטען, ווען דער איינציגער דאמינירענדער פאקטאר איז דאס געלט. נו, אדרבה, זעהט ווער עס שפיעלט היינט א ראלע אין לעבען, פאר וועמען בוינט מען זיך אין דרייען, מען חנפ'עט און מען מאכט קאמפלימענטען—פאר די—וועלכע האבען בילדונג און זענען ארימע לייט אדער פאר די, וועלכע האבען די מאטניא און דערביי זענען זיי פאסקודניאקעס?... נו, איהר אליין וועט דאך מודה זיין, אז פאר די, וועלכע האבען געלט, טאנצט מען און מען האט פאר זיי דרך-ארץ; בילדונג הייסט עס שטעהט לכל הדעות, אויף א סך אנידריגערער שטופע, ווי געלט. איבריגענס, האבען נאך אונזערע חכמים מיט א סך יאהרען צוריק בעצייכענט: חכמת מסכן בזויה....

די וואך האב איך זיך איבערצייגט, אז פונדעסטוועגען טהוט מען בעפארצוגען בילדונג פאר ברויט. און א ראיה לדברי קאן בעשטעטיגען פאלגענדער פאקט: מאנטאג איז געווען בעשטימט אנ'אבצייכען-פערקויף פאר'ן „בית-לחם", די קעסטלעך זענען שוין געווען אין גאס און מען האט שוין געהאט צוזאמענגענומען אביסעל געלט. פלוצים איז אנגעקומען א בעפעהל פון דער סטאראסטווע, אז היות, ווי די וואך איז א „וואך פאר'ן שול-וועזען", קאן דער בלימעל-טאג פאר'ן „בית-לחם" נישט פארקומען, מיט פראסטע ווערטער הייסט דאס, או אויב עס האנדעלט זיך וועגען בילדונג, מוז די ברויט-פראגע אפטרעטען אין א זייט.

אמת איז, אז די זאמלונג פאר'ן שול-וועזען איז אנ'אלגעמיינער מלוכה-ענין. און דער „בית לחם" איז נאר אריין לאקאלע און דערצו א יודישע אינסטיטוציע, אבער איינס צום אנדערען קומט נישט—א פאקט איז, אז דאסמאל, אין דעם פאל, וואס איך דערצעהל אייך, האט די בילדונג גובר געווען די ברויט-פראגע...

לויתן

ליקווידאַציע פון לאָקאַטאָרען-שוץ

אין געצעהלטע וואָכען אַרום, מיט'ן אָנהויב פון יאָהר, ווערט ענדליך פאַר־ווירקליכט דער לאַנגיעהריגער טרוים פון די ווירטסלייט. ס'קומט צו א ליק־ווידאַציע פון לאָקאַטאָרען-שוץ, אמת, דערווייל נאָך נישט קיין פאָרמעלע, אָבער דערפאַר אַ פּראַקטישע.

ווי זשע דען אנדערש, אויב נישט ליקווידאַציע פון לאָקאַטאָרען-שוץ זאָל מען בעצייכענען די בעשטימונג פון דער נאָוועלע פון 14-טען נאָוועמבער 1937, לויט וועלכער פון יאהר 1938 אָן וועט אויף נייע לאָקאַטאָרען אפילו פון די קלענסטע דירות דער לאָקאַטאָרען-שוץ שוין נישט חל זיין.

דאַרף מען דאָן געדענקען, אַז צו־ליעב דער כסדר'דיגער פערשארפונג פון קריזיס און פעראָרימונג פון דער בעפעלקערונג שטאַרקט זיך פיבערהאַפ־טיג די נאָכפראַגע אויף קלענערע די־רות, אזוי, אז אפילו שוין איצט הייסט מען זיך פאר'ן מינדעסטען לאָך אָב־צאָהלען הונדערטער גילדען אָבטרעט־געלד און פאר א יאָהר אָדער נאָך לענגער דירה-געלד פאָראויס.

אויב דער לאָקאַטאָרען-שוץ וועט פולשטענדיג אָבגעשאַפט ווערען, וועט זיכער קומען צו א גרעסערען יקרות אויף דירות, די אַפּעטיטען און הויט־שינדערייַ פון די ווירטסלייט וועלען זיך נאָך מעהר צוּוואַקסען.

אגב איז אויך כדאי אָנצווייזען אויף נאָך אַנ'אומשטאַנד. ווירטסלייט פראַגען אַרום אויף טויזענדער לאָקאַ־טאָרען עקסמיסיע-וויראָקען און אויב ביז'ן היינטיגען טאָג האבען זיי נישט קיין געברויך, איז עס זיכער נישט אזוי ווייט צוליעב הומאַניטאַריזם — ווי צו־ליעב דעם, וואס אזא ענדערונג פון לאָקאַטאָר האָט זיך זיי נישט קאָלקו־לירט.

איצט, ווען דער לאָקאַטאָרען-שוץ וועט ווערען אָבגעשאַפט און א ווירט וועט מעגען נעמען פאַר א דירה ווי־פיעל איהם וועט זיך נאָר גליסטען וועט ער שוין אזא צדיק נישט זיין, אַז ער זאָל ווייטער האַלטען דעם אַל־טען לאָקאַטאָר, וועלכען ער לאָזט אזוי גרינג פּטור ווערען. דער רוב ווירטס־לייט וועלען געוויס אויסנוצען די קאָ־ניונקטור און אויספיהרען די פּערהאָ־נדענע עקסמיסיעס בכדי צו קאָנען ריי־סען פון די נייע לאָקאַטאָרען א פּאַס.

איבעריגענס איז דען ביי אַנ'אָבגע־שאַפטען לאָקאַטאָרען שוץ אַנ'עסק אַרויס־צובעקומען פאַר א לאָקאַטאָר אַנ'עקס־מיסיע? ס'איז גענוג, אז דער ווירט זאָל זיך ווענדען אין געריכט און זיין בקשה ווערט תיכף בעפרידיגט, ער דאַרף זיך נישט בערופען אויף קיין שום מאָטיווען און מוז נישט האבען קיין שום תירוצים.

ס'וועט זיך אלזאָ עפענען אַנ'אמת'ע שעפעניך פאַר די ווירטסלייט בפרט פאַר די געוויסענלאָזע און גייציגע פון זיי. זיי וועלען האַלטען אין איין טוישען לאָקאַטאָרען בכדי ארייַנצוכאַפּען אלס פרישע פדיונים.

קיין שום לאָקאַטאָר וועט נישט זיין זיכער מיט'ן מאָרגענדיגען טאָג. חוץ די אונצעהליגע צרות און דאגות, וועל־כע מאַטערן היינט א יוד אַנ'אָרימאַן, וועט אַלזאָ איצט נאָך צוקומען א צו־לאָג, ער וועט אונאויפהערליך זיך מוּ־זען אַרומבלאָנקען איבער דער שטאָדט אויסזוכען זיך א דירה און קודם כל זיך 'ברעכען דעם קאָפּ ווי אזוי שטעלט מען צוזאַמען די נויטיגע סומע אויף אזא דירה.

און געדענקען מוז מען, אז ביי די היינטיגע שווערע וואוינונגס-בעדינ־גונגען וועט קוים צוויי פון די צעהן אַרויסגעפּטרטע לאָקאַטאָרען געלונגען אַריינצוקריגען זיך אין א פרישע דירה. די רעשט וועט זיין פער'משפט צו טיי־לען דעם ביטערען גורל פון א סוב־לאָקאַטאָר אָדער צו וואָגלען ערגיץ ביי א קרוב.

און אין נאָך א פּרט טאָר מען אגב אויך נישט פערגעסען און נעמליך, אז פערלירען א דירה בעדייט פאַר פיעל לאָקאַטאָרען—פערלירען גלייכצייטיג דעם פּלאַץ צו ארבייטען, צו פערדינען און ממילא אויך צו לעבען און עקזיסטירען.

און דאָך בעציהען זיך די לאָקאַטאָ־רען-מאַסען צו דעם ענין מיט אַנ'אונ־פערצייליכע גלייכגילטיגקייט און דער־שאָצען נישט די ערנסטקייט און גרוי־זאַמקייט פון דער סיטואַציע, וועלכע קאָן זיך פאַר זיי שאַפען מיט'ן אָבשאַף פון לאָקאַטאָרען-שוץ אפילו בלויז פאַר נייע לאָקאַטאָרען.

אויב די פאָדערונג צו פערלענגערען די גילטיגקייט פון דער דירה געלד-רע־דוקציע ציהט נאָך צו עמיצעגס אויפ־מערקזאַמקייט אינטערעסירט זיך שוין מיט'ן לעצטען ענין אַבסאָלוט קיינער נישט.

אזא אַפּאַטישע בעציהונג צום ענין פון ארויסנעמען נייע לאָקאַטאָרען פון לאָקאַטאָרען-שוץ ערקלערט זיך אפשר דערמיט, וואס די פאָלגען פון דער גזירה גיבען זיך דערווייל דירעקט נאָך נישט קיינעמען צו פיהלען. די דאָזיגע קורצזיכטיגקייט און גראָבהויטיגקייט וועט זיך אָבער אין דעם לאָקאַטאָרען־כלל ביטער נוקם זיין.

דעריבער מוזען די לאָקאַטאָרען פער־איינען אויפהייבען א קאַמף פאַר'ן אָב־לייגען פון דער בעשטימונג, אז אויף נייע לאָקאַטאָרען זאָל דער לאָקאַטאָרען־שוץ נישט חל זיין אָדער דער דאָזיגער קאַמף דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערען אין אויבען-אָן פון דער איצט געפיהר־טע אקציע און אַרום איהם דאַרפען קאָנצענטרירט ווערען די ברייטסטע לאָקאַטאָרען מאַסען פון אונזער שטאָדט און לאַנד.

י. א.

שווערליכער ברודער-מאָרד פאַר'ן געריכט

בעקומען צוזאַמען 40 יאָהר.

אונזערע לעזער געדענקען נאָך מסתמא דעם ברודער-מאָרד וואס ס'האט זיך אָבגעשפּיעלט אין דאָרף ראלעגקי, גמינע רודניקי, נעבען וויעלון.

דינסטאָג איז אונטער'ן פאָרזיץ פון וויצע-פרעזעס פון קרייז געריכט פאָר־געקומען דער משפּט.

דער בעשולדיגונס-אַקט איז פאָל־גענד:

יוזעף גושעביעלעץ (אַ הויקער) און זיין ברודער קאָנסטאַנטי האבען צוזאַ־מען געוואוינט אין זייער מאַיאָנטעק נאָכ'ן פאָטער. זייט אָבער קאָנסטאַנטי האָט חתונה געהאָט מיט זיין פרוי יו־זעפא, האט זיך פאר דער קאָליקע אָנ־געהויבען אַ גיהנום. ער איז געווען דער שוועגערין ווי א שפּין אין די אויגען און געהאַלטען אין איין איינ־רעדען דעם מאָן צו זעהען די קאָליקע אַרויסצובייסען פון שטוב און זיין מאַ־יאָנטעק איבערצונעמען.

אַ געוויסען טאָג זענען זיי געפאלען אויף אזא המצאה: זיי האבען אונטער־האַנדעלט מיט דער קאָליקע זיין טייל פערמעגען און משוה געוואָרען עס פאַר 2000 זל. מזומן. קומענדיג צום רעיענט רושעצקי האבען זיי איהם „אויפגעקלערט", אַז כדי איינצוברענגען זיך קאָסטען דאַרף דער רעיענט נאָר צו וויסען פון 500 זל. דער גאַאיוועָר ברודער איז דערויף בעשטאַנען און ווי נאָר דער קאָמבינאַטאָר האָט געהאָט דעם אַקט אין דער טאַש האט ער אָנ־געהויבען צו דרעהען מיט דער צינג, אַז די רעשט 1500 זל. וועט ער איהם געבען ווי גאָר זיי וועלען אַהיימקו־מען.

אין דערהיים האבען זיי איהם אָבער געוויזען די פאַטשעווקע פון טהיר; ער האט דא מעהר גאָרנישט צו פאָדערען און איהם אַרויסגעשטעלט צוויי פייגען.

דער אָבגענאַרטער ברודער איז אָבער כלל נישט געווען קיין נאַר. ער האט אָנגעקלאָגט דעם אַפּעריסט אין געריכט און בעקומען צוגעמשפּט אַ וויראָק אויף דער סומע מיט קאָסטען און תיכף ומיד געמאַכט א זאַיעגטשע אויפן גאַנצען לעבעדיגען און טויטען אינווענטאַר.

דער ברודער מיט זיין ווייבעל, איינזעהענדיג, אז דאס „שפּיצעל" האט זיך זיי נישט איינגעגעבען און עס ריקט צו דער טאָג פון „ספּזשעדאַזש", איז דאס אשת חיל געפאָהרען צו איהר ברודער אין דאָרף זשאַרקי, ביי טשענ־סטאָכאָוו און אַראָבגעבראַכט דאס ברודערל, דעם 63 יעהריגען יוזעף וואַלינסקי. ביי אַ פלאַש בראָנפען איז פערטיג געוואָרען דער טייוולאָנישער פּלאַן.

ווי נאָר דער הויקערדיגער ברודער האט געעפענט די פורטקע און אַריינ־געגאַנגען אין הויף אַריין, האט איהם מקבל פנים געווען מיט אַ דראָנג אי־בער'ן קאָפּ דאס „ברודערל" פון זיין „ליעבע" שוועגערין. פונ'ם קלאַפּ איז ער געפאלען אַ בעוואוסטלאָזער אויף דער ערד. באַלד זענען צוגעלאָפען די צוויי שוועגערלייט, און ווי א בעטויב־טע בהמה פאר דער שחיטה, איהם אַריינגעשלעפּט אין שטאָל אַריין און לויט די דינים פון „הומאַניטאַרער שחיטה" ביי איהם אָרונטערגעשניטען דעם קאָפּ ביז אָראָב. נאָכדעם האבען זיי דעם קערפּער מיט'ן אָראָבגעשניטע־נעם קאָפּ בעהאַלטען אין מיסט, צו־מאָרגענס איהם אוועקגעפיהרט אין פעלד אַריין.

אין עטליכע טעג אַרום איז דער ברודער מערדער געקומען א „בעזאָרג־טער" אין פּאָליציי-פּאָסטערונעק אין רודניק, בכן זיין ברודער דער קאָליקע קע געבען איז שוין עטליכע טעג נישט אינדערהיים און ווייסען נישט וואו ער איז אהינגעקומען. ווי באַלד אָבער דער טויטער קערפּער איז געפונען געוואָרען אויפ'ן פעלד, איז די פּאָליציי געקומען אויף די שפּורען פון די מערדער, וועל־כע האָבען זיך אונטער א שאַרפען קרייץ-פערהער מודה געווען אין אויס־פיהרען דעם בעסטיאַלישען מאָרד.

פאַר'ן געריכט האבען זיי זיך מודה געווען צו דער שולד. אויף דער פראַ־גע, פאַרוואָס זיי האָבען דאָס געטהון, האבען זיי געענטפערט: טרודנאָ, מיר האבען נישט געקענט אנדער אַדורכקו־מען מיט איהם, האבען מיר געמוזט איהם אַראָבּרוימען.

ביידע מענער האבען בעקומען צו 15 יאָהר תפיסה, דאס אשת חיל — 10 יאָהר תפיסה. אויטערדעם פערלירען אַלע די רעכט אויף 10 יאָהר.

אַ קאָנפערענץ וועגען גורל פון שעכט-הויז.

היינט, פרייטאג, קומט פאר אין מאַגיסטראַט א קאָנפערענץ פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג מיט'ן דירעקטאָר פון שטאָדטישען שעכט-הויז טשערווינסקי און א פאָרשטעהער פון דער געזעל־שאַפט צו עקספּלאָאַטירען דאס שעכט־הויז וועגען זיין ווייטערדיגען גורל. ווי בעוואוסט, האט די שטאָדט צו יעדער צייט דאס רעכט אויסצוקויפען דאס שעכט הויז נאכ'ן אויסצאָהלען די געהע־ריגע ענטשעדיגונג, אבער אין יאהר 1941 וועט דאס שעכט הויז — לויט'ן אָבמאַך — איבערגעהן אומזיסט אין רשות פון דער שטאָדט.

ביי אַזאַ צושטאַנד קומען פאר אונ־טערהאַנדלונגען פון די צדדים. ס'איז מעגליך: אדער דאס אויסקויפען די אונטערנעהמונג און איבערנעמען זי דורך דער שטאָדט, עווענטועל פער־לענגערן דעם אָבמאַך מיט דער געזעלשאַפט און צופאַסען דאס שעכט-הויז צו די בעדערפנישען פון דער שטאָדט.

פון די היינטיגע אַקטועלע פּראָצעסן

(פּראָצעס וועגען דעמאָלירען אַ יודיש געוועלב)

מיטוואָך, דעם 6 טען ד.ח. האט דאס היגע שטאָדטישע געריכט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון אַ געוויסען סטאַניס־לאַוו שווידערסקי, 18 יאהר אַלט, וועל־כער איז געוואָרען בעשולדיגט אין דע־מאָלירען דעם 23 יוני ד.י. 7 א זייגער פריה דאס שפּייז-געוועלב פון לייביש בירענבוים, וואַרשאַווער גאַס 136.

פּראָצעסען וועגען בעשעדיגען פרעמד אייגענטום ווערען געוועהנליך בעהאַנ־דעלט אויפ'ן גרונד פון א פּריוואַטער אָנקלאָגע מצד דעם געליטענעם; אין געגעבענעם פאַל האט די פּראָקוראַטור, וואַרשיינליך צוליב די אַנטי-יודישע גע־שעהענישען פון חודש יוני צוגעצויגען שווידערסקי'ן צו פעראַנטוואָרטליכקייט פון אַמט, אייגזעהענדיג דאס זיין טהאַט האט אָנגערירט די עפענטליכע זיכער־קייט. שווידערסקי איז שוין אין דע־צעמבער 1936 בעשטראָפט געוואָרען דורכ'ן היגען קרייז-געריכט פאר אַנטי־יודישע אויסשרייטונגען אויף 6 חדשים תפיסה מיט אָבהאַלטען דאס אויספיהרען די שטראָף.

דעם בעשולדיגטען שווידערסקי האט פערטיידיגט אַפּל. אַדוו. גלינסקי. מצד דעם געליטענעם בירנבוים האט די בעשולדיגונג אונטערשטיצט אַדוו. אַש.

שווידערסקי האט זיך צום פאָרגע־וואָרפענעם פערברעכען נישט מודה געווען, אָבער דער עדות, חיים ווייס־בערג, וועלכער איז געשטאַנען פאר בירנבוים'ס געוועלב בעת'ן פאָרפאַל און אין איינציגע שעה שפּעטער אָנגע־וויזען דער פּאָליציי אויף שווידערסקי'ן האט קאַטעגאָריש ערקלערט, דאס ער דערקענט שווידערסקי'ן. אויך די אַל־טיטשקע מלכה בירנבוים, וועלכע האט זיך בעת'ן פאָרפאַל געפינען אין גע־וועלב פון איהר זוהן, האט אויף דער פראַגע פון ריכטער צי זי דערקענט דעם בעשולדיגטען, זיך געפרעגט מיט א געוויסער פערוואונדערונג: און ער זאָגט דען, דאס ער דערקענט מיך נישט?

ווי די זעלבע מלכה בירנבוים האט דערצעהלט פאר'ן געריכט, האט דער בעשולדיגטער אַריינקומענדיג אין גע־וועלב, וואו זי האט זיך געפינען אליין, זיך געווענדעט צו איהר מיט די ווער־טער: וואס, איהר לעבט נאָך? און גע־נומען זיך צו שיטען פּראָדוקטען פון די ז עקלען. די עדות'טע האט איהם אָנגעהויבען צו גלעטען ביים אָרבעל און געבעטען: „זייַ מיר מוחל", אבער אָהן ערפאָלג.

שווידערסקי איז בעשטראָפט געוואָרען אויף א חודש אונבעדינגטען אַרעסט. אויב דער אורטייל וועט אַריין אין קראַפט, וועט ער מוזען אָבזיצען אויך די 6 חדשים תפיסה פון ערשטען אור־טייל.

WORLD-RADIO
świat w domu...

Posiadamy na składzie najnowsze modele odbiorników krajowych i zagranicznych.

Od popularnej dwójki — do luksusowej superheterodyny z oscylograficznym wskaźnikiem.

Od taniej jednoobwodówki do wykwintnego siedmioobwodowego z żaworem przeciwinterferencyjnym.

Każdy miłośnik radia znajdzie coś dla siebie.

Prowadzimy demonstrację i sprzedaż następujących odbiorników:

World - Radio
Mazur
Polonez

Kosmos
Pionier (super popularny)
Matador (super luksusowy)
Meteor

Telefunken
Fenomen
Symphonic
Stradivari (z mag. okiem)
De Luxe (z lustrzaną skalą)

Capello (Ingelen - Wiedeń)
Serja superów luksusowych
Capri (z magicznym okiem)
Milano (ze skalą geograf.)
Roma (wmontowany radiogram)

Philips
Typ 109
Super 4-38
„ 6-38
„ 7-38 (z monosterem)
„ 8-38 (z monosterem)

Radio Union (Orion-Budapeszt)
Union 3
Union 7
Union-Lux

Elektrit
Patria
Tempo
Maestro
Opera

Hornyphon (Wiedeń)
Lord—38
Olympic—38

Zakłady Radiotechniczne
WORLD-RADIO
Inż. Br. Fliegelman i S-ka
Spółka Komandytowa
Aleja 24 w podwórzu,
tel. 25-75.

Jestem zadowolony!

bo ubieram się u mistrza sztuki
krawieckiej
M. Rozenblum
„TRES-CHIC"
Częstochowa
N. Marii Panny 33
Telefon 11-87.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאַפּעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער דעם געהעלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויער־האַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) רעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמישריינִיגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושען.

אָט ווער עס האָט געלט!

(אַ מעשה נורא מיט אַ מוסר-השכל)

ביי אונז אין שטאָדט לעבט אַ יוד, אַנ'עושר, נאָר אַ שרעקליכער קמצן. לעולם האָט מען וועגען זיין רייכקייט נישט געוואוסט, מען האָט עס געוואויר געוואָרען על פי צופאַל.

געווען איז דאָס דעם פערגאַנגענעם שמיני עצרת. אין מנין פון די „אחדות ישראל" (ב. יאַסעלעוויטשאַ 4) דאַוענט און איז דאָרט אויך גבאי אַ געוויסער אפרים נ., אייגענטימער פון אַ געוועל-בעל אין אלטען מאַרק. איז בעת ער האָט זיך אויסגעטהון דעם פאַלטען, איז איהם ארויסגעפאַלען אַ פעקעלע פון דער טאַש. אַ מתפלל האָט עס אויפגע-הויבען און עס איהם געוואָלט צוריק-געבען. דערווייל איז ער נייגעריג גע-ווען צו זעהן, וואס אין דעם פעקל געפינט זיך, און אזוי ווי ער האָט עס געעפענט, איז איהם פינסטער געוואָרען און אפשר גאָר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. ער האָט דערזעהען אַנ'אוצר פון שווערע טויזענטער. באַלד האָט דער זעלבער דאָס פעקיל איבערגעגע-בען דעם ה' יוסף קרויזע, וועלכער האָט נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעצעהלט 40 שטיק פינפהונדערטער — דאָס הייסט אַ קיימא-לן פון 20 טויזענד זלאָטעס אויסער אנדערע פאַפירלעך, ווערט-פאַפירען, אַ ביכעל פון פ. ק. אַ. א. אז. וו. דער ה' קרויזע האָט נישט געמאכט קיין לאַנגע שהיות און באַלד אָבגעגעבען דאָס פעקיל דעם אייגענטי-מער, מיט'ן בעדינג, אַז היות ווי ס'איז היינט אַנ'אַקציע פאַר'ן שפּיטאָל, זאָל ר' אפרים כאָטש שפענדען אַ געוויסע סומע פאַר'ן דאָזיגען צוועק.

דער סוף איז אָבער געווען, אַז דאָס געלט האָט אפרים צוגענומען, נאָר פאַר'ן שפּיטאָל וויל ער נישט געבען קיין איין גראָשען. ווען ה' קרויזע האָט דעם קמצן גערופען אין ראַבינאַט, האָט יענער אפילו נישט געוואָלט קומען.

די דאָזיגע מעשה האָט ארויסגערופען גרויס אויפזעהן אין דער שטאָדט, וואָ-רום ווער האָט זיך דען גערעכענט, אַז אַזאַ אויסגעוויקט יודעל, ווי עס איז דער אפרים, וועלכער האָט אַ קליין געוועלבעלע און פערקויפט פאַר אַ גראָשען הערינג און פאַר אַ צווייער אַרבעס, זאָל פערמאָגען אַזאַ אוצר מיט געלט. און וואס ס'פערדריסט אַממעהר-סטען, איז וואס אַזאַ אָנגעשטאָפּטער עושר (קיין קינדער האָט ער נישט) געהער נישט צו קיין שום אינסטיטוציע, עס קאָסט איהם נישט קיין גראָשען די שטאָדט און ווען מען האָט איהם אָב-גענעבען אַ פערמעגען פון עטליכע צענדליג טויזענד זל., זאָל ער נישט קאָנען פולל'ן ביי זיך צו געבען כאָטש אַ פאָר צעהנדלינג זלאָטעס פאַר'ן יודישען שפּיטאָל.

אָט אַזעלכע ברואים זענען פערהאַנען אויף דער וועלט און מיט אַזאַ איינעם איז אויך אונזער שטאָדט געבענטש, צעהנדליגער יודישע משפחות וואָלטען זיך געקאָנט מיט אַזאַ סומע העלפען און דערווייל ליגט עס ביי אַזאַ קמצן, ווי עס איז ר' אפרים.

צי איז דאָס יושר? אָט ווער עס האָט געלט!!

בירגערליכער ווינטער-הילפס-קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו

אין זאַל פון שטאָדט-ראַט איז אונ-טער'ן פאָרזיץ פון וויצע-שטאָדט-פּרעזי-דענט דזשובאַ פאָרגעקומען די פערזאַמ-לונג פון בירגערליכען ווינטער-הילפס-קאָמיטעט.

לויט די ערקלערונגען פון קאָמיטעטס-סעקרעטאַר ה' סטאַניסלאַוו ריביצקי, וועט די היידיגע ווינטער הילף-אַקציע ארומנעמען אנ'ערך 4 000 פאַמיליעס — 12 טויזענד מענטשען. די פאָראויסגעזע-הענע קאָסטען פון דער דאָזיגער אַקציע זענען פּרעלימינירט אויף דער סומע פון 416 טויזענד זלאָטעס, אויסער דעם וועט דער קאָסט פון דערנעהרען די שול-קינדער בעטרעפען אנ'ערך 80 טוי-זענד זלאָטעס. דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיגער סומע וועט דאַרפען גע-זאַמעלט ווערען צווישען דער היגער בעפעלקערונג. די הילפס אַקציע וועט זיך אנהויבען דעם 1 ליסטאָפּאַד.

אין דער שפּיץ פון קאָמיטעט שטעהט דער שטאָדט-פּרעזידענט שטשאַדראָווסקי.

מצד דער יודישער בעפעלקערונג זענען אינ'ם קאָמיטעט געוועהלט געוואָרען: פּרעזעס יעקב ראָזענבערג, חיים וועקס-לער, י. גאָלדבערג, מ. נייפעלד, דיר. סט. פּרושיצקי, ז. שטילער, פ. שפּיראָ.

נאָך אַ קורצער דיסקוסיע איז אוי-סער דעם פאָרשלאָג וועגען פערזענ-ליכען אין דער פּרעסע די נעמען פון די פּערזאָנען, וואס צאָהלען נישט די דעקלאַרירטע סומע, בעשלאָסען געוואָ-רען, אַז דער קאָמיטעט זאָל בענוצען אַלערליי מיטלען, כדי איינצומאָהנען די פערלעגענע חובות פון פערגאַנגענעם יאָהר און די דעקלאַרירטע סומעס אויפ'ן יאָהר 1937–8. מיט'ן איינמאָהנען די דעקלאַרירטע סומעס וועט איצט זיך פערנעמען דער קאָמיטעט זעלבסט און נישט — ווי ביז איצט — דורך דער פערמיטלונג פון אָרגאַניזאַציעס און פערבאַנדען.

דערמיט איז געוואָרען פערענדיגט די פערזאַמלונג.

טעטיג אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' י. ענ-געל און ערלעדיגט סכסוכים צווישען מיטגלידער פון פעראיין ווי אויך צווי-שען מיטגלידער און נישט מיטגלידער.

עס ווערען אויך אָרגאַניזירט האַנ-דעלס קורסען פאַר סוחרים און האַנ-דעלס אַנגעשטעלטע.

דער סעק-רעטאַריאַט פון פעראיין איז טעטיג יעדען טאָג חוץ פרייטאָג פון 6.30 ביז 9 אָוועגד.

פון דער טעטיגקייט פון סוחרים- און פאַבריקאַנטען פעראיין

נאָך דער אלגעמיינער פערזאַמלונג, וועלכע איז פאָר אַ קורצער צייט פאָר-געקומען האָט זיך די פערוואַלטונג קאָנסטיטואירט אויף פאָלגענדען אופן: פּרעזעס — ז. שטילער, וויצע פּרעזעסן: מ. נויפעלד און דיר. ס. פּרושיצקי, סעקרעטאַר ד. באַרזיקאָווסקי, קאַסירער — מ. גאָלסטער, גאָספּאָדאַרז — י. רזשאָנ-שינסקי.

די נייע פערוואַלטונג האָט אָנגע-הויבען איהר טעטיגקייט פון רעאָרגאַ-ניזירען פאָלגענדע סעקציעס: גאַלאַנ-טעריע, ראַמען און שפּיגעל, מאַנופאַק-טור, מלבושים, לעדער און שיך. פאָר איינ'גע טעג איז געשאַפען געוואָרען אַ נייע סעקציע פון האַנדעלס-פאָר-טרעטער, פאָרזיצענדער פון דער סעק-ציע איז געוועהלט געוואָרען ה' ס. ל. אַבראַמזאָן, וויצע — ה' א. מאַנעלא, סעק-רעטאַר — ה' פ. בירנבוים. די סעקציע וועט ארויסגעבען לעגיטימאַציעס איה-רע מיטגלידער, וועלכע וועלען דינען אלס בעווייז פאַר דער מאַכט, דאָס דער בעט־עפענדער איז האַנדעלס-פערטרעטער אָדער וואַיאַזשער.

אויך איז געשאַפען געוואָרען אַ טראַנספּאָרט און עקספּעדיטאָרען-סעקציע.

די אינטערווענץ קאָמיסיע איז טעטיג און אין אנגעלעגענהייטען פון אינטער-ווענץ ביים שטייער-אַמט קען מען זיך ווענדען יעדען טאָג אין סעקרעטאַריאַט.

דאָס שידס-געריכט ביים פעראיין איז

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' יעקב יוסף בראָסקי צו דער יאָהרצייט פון זיין פאָטער 5 קילאָ ברויט.

ה' יעקב דוד טעלער צו דער יאָהר-צייט פון זיין מוטער 5 קילאָ ברויט.

ה' יעקב פישער 5 קילאָ ברויט.

פון אַ סכסוך צווישען די ה"ה: וואָרעם וואַרשאַ און פראַנקענבערג האָט ה' שוואַרץ אַריינגעטראָגען 2 זל. פאַר „תומכי עניים".

פאַר'ן יודישען שפּיטאָל

ה' יצחק ליפסקי 5 זל.

תיקון טעות.

אין נומער 40 „טשענסטאָכאָווער צייטונג" צווישען די נדבות פאַר'ן שפּיטאָל האָט גישט אַריינגעגעבען לייזער ראָזענבוים נאָר לייזער רענבוים 20 זל.

אַכטונג, יודישע עלטערן

ווען קינדער ס'לערנען זיך אין די פּאָווּשעכנע-שולען.

שוין עטליכע טעג ווערען די יודישע קינדער פון דער פּאָווּשעכנע שולע אויף נאַרוטאָוויטשאַ גאַס אָבגעוואָרט, בעת זיי געהן אַהיים פון דער שולע, דורך קריסטליכע לאַבוזעס, וועלכע שלאָגען זיי מכת-רצח.

די איבערפאַלען קומען פאָר אַמ-מעהרסטענס אין נייעם מאַרק, נעבען דער קירכע. ס'איז דעריבער דער חוב פון די עלטערן, אָבצוּוואַרטען זייערע קינדער, בעת זיי געהן פון דער שולע און זיי אַבפיהרען אַהיים. די עלטערן ווידער, וועלכע האָבען נישט די מעג-ליכקייט דאָס צו טהון, דאַרפען אָנזאָגען זייערע קינדער, דאָס זיי זאָלען נישט געהן אויף דער זייט, וואו עס געפינט זיך די קירכע.

מיר לעבען ליידער אין אַזעלכע בע-דינגונגען, אַז מיר האָבען נישט קיין אנדערע עצה צו געבען די עלטערן, אָט די, וועלכע מיר לייגען פאָר.

פון בוכהאַלטערען-פעראיין.

דעם 26 און 27 סעפטעמבער איז אין וואַרשאַ פאָרגעקומען דער 2 טער צוזאַמענפאָהר פון יודישע בוכהאַלטערען.

דאָס מאָל האָט דער צוזאַמענפאָהר זיך בעשעפטיגט מיט'ן געזעץ וועגען דיפּלאָמירטע בוכהאַלטערען, וואס בע-דראָהט ביי די יעצטיגע בעדינגונגען אַלע יודישע בוכהאַלטערען.

דער טשענסטאָכאָווער בוכהאַלטערען-פעראיין איז פערטרעטען געווען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר דורך די ה"ה: ה. הערצ-בערג, לעווי, י. ראָזינער, און י. בעם פון ראַדאָמסק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּראָיעקט רופט דער בוכהאַלטערען-פעראיין אַ גרויסע פערזאַמלונג. וועגען טערמין וועט בעזונדער געמאָלדען ווערען.

פון סוחרים- און פאַבריקאַנטען-פעראיין

די פערוואַלטונג פון סוחרים-און פאַבריקאַנטען-פעראיין מאַכט בעקאַנט, דאָס זונטאָג, דעם 10 ד. ח. אַ זייגער 4 נאָכמ. קומט פאָר אין אייגענעם לאָ-קאַל די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער סעקציע פון האַנדעלס פערטרעטער.

אויך זונטאָג, דעם 10 ד. ח. 7 אַ זייגער אָוונד קומט פאָר אַ אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער מאַנופאַקטור-סעקציע און 7 30 פון דער לעדער-סעק-ציע.

די מיטגלידער, וועלכע געהערען צו די אויבענדערמאַנטע סעקציעס ווערען געבעטען אומבעדינגונג און פּונקטליך צו קומען, דען עס וועלען בעהאַנדעלט ווערען וויכטיגע פראַגען.

אָבקלאַנגען פון'ם אָקופּאַציע-שטרייק אין בזשאָסקי'ס ראַהמען-פאַבריק.

דאָס קרייז-געריכט האָט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון דער 27 יעהריגער סטעפאַניא וואָלאַשטשיק, וועלכע איז געוואָרען אַנגעקלאָגט פאַר אָבגעבען פאַלשע ערקלערונגען דעם אַרבייטס-אינספּעקטאָר.

וואָלאַשטשיק האָט געאַרבייט אין דער ראַהמען פאַבריק פון שלמה בזשאָסקי אויף סולקאָווסקי-גאַס, וואו ס'איז פאָר-געקומען אנ'אָקופּאַציע-שטרייק. בעת דעם דאָזיגען שטרייק האָט די אַרביי-טערין וואָלאַשטשיק, געמאָלדען דעם אַרבייטס-אינספּעקטאָר, אַז דער אייגענ-טימער פון דער פאַבריק צווינגט די אַרבייטער צו אַרבייטען מעהר ווי 8 שעה, ער גיט נישט קיין אורלויבען, בעזיצט נישט קיין אָברעכנונגס ביכלעך א.א.וו.

אויפ'ן דאָזיגען סמך האָט דער אַר-בייטס אינספּעקטאָראַט פערפיהרט געגען בזשאָסקי'ן אַ פּראָצעס אין קרייז געריכט. בעת דער געריכטס פערהאַנדלונג האָט די אַרבייטערין וואָלאַשטשיק פולשטענדיג צוריקגעצויגען איהר ערשטע ערקלערונג מיט דער טענה, אַז זי האָט בעוואוסט-זיניג פאַלש עדות געזאָגט אין אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט, ווערענדיג דערצו גע-צווינגען דורך די אַרבייטער.

די אַרבייטערין איז דערפאַר פער-משפּט געוואָרען אויף 8 חדשים תפיסה מיט אָפּלייגען דאָס אויספיהרען די שטראָף אויף 4 יאָהר.

Erdal pasta do obuwia
czyści i nadaje piękny połysk.
Jej tajemnica: użyć jak najmniej pasty Erdal, ale polerować miękkim suknem, aż do lśniącego połysku.

פון דעטאַליסטען און קליינהענד-לער-פעראיין.

עס ווערט בעקאַנט געמאַכט די מיט-גלידער און סתם קליינהענדלער שטיי-ער צאָהלער, אַז פרייטאָג, דעם 15 ד.ח. איז צאָהלבאַר די 3-טע ראַטע פון אומזאַץ שטייער (פּאָדאַטעק אָבראָטאָווי) אויפ'ן יאָהר 1937, פאַר די צאָהלער, וועלכע זענען נישט אריינגערעכענט אין ריטשאַלט שטייער אויף די יאָהרען 1937–36, נור זענען היי יאָהר געשאַצט געוואָרען אויף אַלגעמיינע יסודות.

בכדי צו פערלייכטערן די מיטגלידער פון אונזער אָבטיילונג, ווערען די ראַ-טעס אָנגענומען צום איינצאָהלען דורכ'ן סעקרעטאַריאַט פון פעראיין, וועלכער וועט דעם זעלבען טאָג איבערווייזען דער קאַסע פון ענטשפּרעכענדען שטיי-ער-אַמט. דער סעקרעטאַריאַט איז טע-טיג יעדען טאָג פון 9 ביז 2 און 6 ביז 9 אָוענד.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער סוחרים-באַנק

זונטאָג 4 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון פאַבריקאַנטען און סוחרים-פעראיין די יעהרליכע אלגעמיינע פער-זאַמלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער סוחרים באַנק מיט'ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג.

די פערזאַמלונג האָט נאָך געזאָלט פאָרקומען אין יוני ד. י. נאָר צוליעב די געשעהענישען אין טשענסטאָכאָוו און אנדערע סיבות קומט ערשט די פערזאַמלונג פאַר דעם קינפטיגען זונ-טאָג.

די סוחרים באַנק איז אין איצטיגען מאָמענט איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאָדט. איבערהויפּט דאַרף אָנגעוויזען ווערען, אַז אין דער שפּיץ פון דער דאָזיגער פינאַנץ-אינסטיטוציע שטעהט דער טאַ-לאַנטירטער און פעהיגער דירעקטאָר ה' סטאַניסלאַוו פּרושיצקי.

עס איז דעריבער דער חוב פון אַלע מיטגלידער צו קומען אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג און בעשטי-מען איהר ווייטערדיגען גו־ל.

אַ בריעף אין רעדאַקציע

חשוב'ער ה' רעדאַקטאָר! אין צו-זאַמענהאַנג מיט דעם פעליעטאָן „קליי-ניגקייטען" פון ה' סמאַל, געדריקט אין נומער 40 אין אייער חשוב'ער ציי-טונג, וועגען די „גבורי ישראל" בעט איך אייך אָבדריקען פאָלגענדע ער-קלערונג:

באַלד ווי עס איז אויסגעבראָכען דער אזוי גערופענער אָקופּאַציע שטרייק פון מיינע אַרבייטער, האָב איך צו זיי געשיקט עטליכע מענשען וועגען אָדורכ-קומען, איך בין געווען גרייט זיי ווי-טער צו געבען אַרבייט ווי אויך אויס-צוצאָהלען די אורלויבען, דער דעלע-גאַט אָבער האָט געענטפערט „איך פערלאַנג 500 זל.", דאַן האָבען זיי געוואָלט, אַז איך זאָל זיי געבען 3000 זל. שפּעטער האָבען זיי עס רעדוצירט אויף 1500 זל. נאַטירליך, האָב איך דאָס אָבגעוואָרפען, ווייל איך בין גרייט צו צאָהלען דאָס וואס עס קומט אָבער אין קיינפאַל וועל איך נישט מסכים זיין, אַז מען זאָל ביי מיר אויספּרעסען געלד.

דאַן איז אויך בעשטימט געוואָרען אַ פּריוואַטע קאָנפערענץ אויף דעם 2.10 8 אָוועגד מיט די אַרבייטער נאָר די לעצטע זענען נישט געקומען.

די אַלע פאַקטען וואס איך האָב דאָ געבראַכט קאָנען פעסטגעשטעלט ווע-רען דורך עדות.

צום סוף ערקלער איך, אַז איך בין ווייטער גרייט צו ערטיילען אַרבייט און צו בעצאָהלען וואס עס קומט.

אָט אזוי שטעלט זיך פאַר דער פאַק-טישער בעשטאַנד פון דעם אזוי גע-רופענעם אָקופּאַציע שטרייק.

איך דאַנק אייך פאָראויס און צייכען זיך מיט אכטונג.

משה מאַשקאָוויטש.

Panu
Markusowi Herszlikowiczowi
z powodu zgonu Brata Jego
b. p. SZYMONA
składają wyrazy głębokiego współczucia
firma S. CH. EPSZTAJN
i personel biurowy.

יעקב שוואַרצבוים ז"ל

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז היינטיגע וואָך צו קבורה געקומען איי-נער פון די היגע אָנגעזעהענע תושבים יעקב שוואַרצבוים.

דער נפטר איז געווען אַ זוהן פון בעקאַנטען שטעקאַטשינער למדן און וואַרקער חסיד ר' מיכל שוואַרצבוים, וואס שטאַמט פון אַ יחוס'דיגער משפחה. געקומען איז ר' יעקב שוואַרצבוים קיין טשענסטאָכאָוו מיט עטליכע פופציג יאָהר צוריק און איז געוואָרען אַנ'איי-דעם פון היגען כלל-טהוער און לאַנג-יעהריגען גבאי פון דער חברה-קדישא ר' שבתי מושין.

דער נפטר האָט געפיהרט אַ יודיש טראַדיציאָנעל לעבען און איז כל ימיו געווען בעליבט ביי אַלע, וועלכע האָבען איהם געקענט. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז צו דער לויה זענען געקומען אויסער אַ גרויסען עולם יודישע מלוים, אויך אַ גרויסע צאָהל קריסטען, וועלכע זענען געווען זיינע קונים אין משך פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט און אזוי ארום געוואָלט אויסדריקען זייער צער און וועהטאָג צוליב'ן טויט פון דעם איידעלען יודישען סוחר יעקל שוואַרצ-בוים.

אויף די עלטערע יאָהרען האָט ער געמוזט אויפגעבען דאָס געוועלב אין אלטען מאַרק, וועלכעס ער האָט געהאַט אין משך פון 46 יאָהר.

יעקב שוואַרצבוים איז געווען אַ טיפּ פון אַלטען דור, וועלכער האָט זיך געלעבט עהרליך און בעשיידען און דערפאַר טאַקי האָט זיין טויט אַרויס-גערופען טרויער ביי אַלע, וועלכע האָ-בען איהם געקענט.

ת. נ. צ. ב. ה.

Kino „LUNA"
מיטרייסענדער פילם!
אויסגעצייכענטע רעזשי
און מייסטער-שפּיל!
ZAGINIONY HORYZONT
אין די הויפּט ראָלען:
ראָנאַלד קאָלמאַן און זשאַן וויאַט
איבער'ן פּראָגראַם:
קאָלירטע צוגאָבען און פאַט

KINO „EDEN".
קונסטווערק, אויסגעצייכענט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל!
wyspa w płomieniach
אין די הויפּט-ראָלען:
Vivian Leigh
Laurence Olivier.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
ZIELONY SYGNAŁ
מיט עראָל פלין
און אַניטאַ לואיס